№ 13 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • עלפטער יאהרגאנג. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

אבאנעמענטס-פרייז: א נומער 20 גראשען.
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, dnia 2? marca 1932. — ליכט-צינדען 5.40 — פרייטאג, פ׳ צו י״ז אדר ב׳ תרצ״ב.

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

שטאדט-טעאטער קאמעדיאלני.

לעצטע 3 פארשטעלונגען

פון די בעוואוסטע ארטיסטען **נחמה, קאדיש, חאש** מיט׳ן אנטייל פון די בעריהמטע ארטיסטען

פערבאנד-טרופע פון יודישען ארטיסטען-פעראיין אין פוילען.
מאלווינא ראפעל און **ש. לאנדוי.**

היינט, פרייטאג, ד. 25 ד. ח. 9 אווענד
צום 2 מאל די שטארק-אויסגענומענע פיעסע אין 2 אקטען מיט א פראלאג
די אמעריקאנער חתונה
רעזשי: קדיש.—ספעצ. באלעט, כאר און ארקעסטער.

מארגען, שבת 4 נאכמ. צו ביליגע פרייזען
די אייביגע מאמע
טראגי - קאמעדיע אין 3 אקטען מיט 1 בילד פון קאלמאנאוויטש.
הויפט-ראלע „אייביגע מאמע" פיהרט אויס די ארט. נחמה.

שבת, ד. 26 האלב 9 אווענד
לעצטע גאזענגעגס-פארשטעלונג! פרעמיערע!
ד״ר שטיגליץ
קאמעדיע אין 3 אקטען מיט געזאנג פון פרידמאן און נערק. רעזשי: לאנדוי.

סצענען אנטייל דער גאנצער אנסאמבעל לויט׳ן א״ב: פרויען: אידינא, ליבגאלד, נחמה, נערה, ראפעל. מענער: חאש, דיאמאנט, גראדנער, קדיש, לאנדוי, ליבגאלד, ראבינאוויטש, ראקאוו. באלעט: רייכער, זאמין ס., זאמין ר. גאלדבערג מ. אייגענע דעקאראציעס. קאסטיומען. כאר. ארקעסטער. ביים קלאוויר: כאלין, טעכנ. לייטער: ראבינאווסקי. סופלער: דיאמאנט. אדמ.: פעלדמאן.
בילעטען פריהער צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה׳ באטשאן אלעע 6, שבת א גאנצען טאג אין קאסע.
בעמערקונג: זונטאג, ד. 27 ד. ח. שפיעלט די טרופע צוריק אין קראקע.

VI Walne Zgromadzenie
BANKU SPÓŁDZIELCZEGO PRZEMYSŁOWCÓW i KUPCÓW
z ograniczoną odpowiedzialnością w CZĘSTOCHOWIE odbędzie się
d. 10 kwietnia 1932 r. o godz. 16-ej w lokalu Stow. Przemysłowców i Kupców, Aleja Wolności 3/5.
Porządek obrad: Zagajenie Zgromadzenia i wybór przewodniczącego. 2) Odczytanie protokołu poprzedniego Walnego Zgromadzenia. 3a) Sprawozdanie Zarządu za 1931 r. b) Odczytanie bilansu i rachunek strat i zysków za 1931 r. c) Sprawozdanie Rady Nadzorczej za 1931 rok. 4) Przyjęcie bilansu i udzielenie absolutorjum Zarządowi i Radzie Nadzorczej. 5) Podział zysków. 6) Budżet na rok 1932. 7) Fundusz żelazny. 8) Uchwalenie najwyższej sumy zobowiązań, jakie spółdzielnia może zaciągnąć. 9) Oznaczenie granic najwyższego kredytu, jaki może być udzielony jednemu członkowi. 10) Wybory. a) Jednego członka Zarządu i 3-ch zastępców zamiast ustępujących. b) 3-ch członków Rady Nadzorczej i 3-ch zastępców zamiast ustępujących: Ustępują: z Zarządu: p. Stanisław Prusicki, z Rady Nadzorczej: pp. M. Neufeld, A. Warszawski i J. M. Zylberberg.
UWAGA: Członkowie ustępujący mogą być wybrani ponownie.

די 6 אלגעמיינע פערזאמלונג
פון דער **קאאפעראטיווער פאבריקאנטען** און **סוחרים-באנק**
ג. מ. ב. ה. אין טשענסטאכאוו קומט פאר
ד. 10 אפריל 1932 י. 4 נמ. אין לאקאל פון פאבריקאנטען און סוחרים-פעריין, אלעע וואלנאשצי 1/3.
טאג - ארדנונג: 1) ערעפנונג און וואהל פון א פארזיצענדען. 2) פארלעזען דעם פראטאקאל פון דער פוריגער אלגעמיינער פערזאמלונג. 3) א. פערוואלטונגס-בעריכט פון יאהר 1931. ב. דאס פארלעזען דעם בילאנס און חשבון פון פערלוסט און ריוח פון יאהר 1931 י. ג. בעריכט פון אויפזיכטס-ראט פון 1931 י. 4) דאס אננעמען פון בילאנס און ערטיילען אבסאלוטאריום דער פערוואלטונג און אויפזיכטס-ראט. 5) פונאנדערטיילונג פון ריוח. 6) בודזשעט אויף 1932 י. 7) אייזערנער קאפיטאל. 8) בעשטימען די העכסטע פערפליכטונגס-סומע, וואס דער קאאפעראטיוו קאן אויף זיך נעמען. 9) בעשטימען די גרויס פון העכסטען קרעדיט, וואס קאן ערטיילט ווערען א מיטגליד. 10) וואהלען: א) איין מיטגליעד פון דער פערוואלטונג און 3 פערטרעטער אנשטאט די אבטרעטענדע. ב. 3 מיטגלידער פון אויפזיכטס-ראט און 3 פערטרעטער. עס טרעטען ארויס: פון דער פערוואלטונג: ה׳ סט. פרושיצקי. פון אויפזיכטס-ראט די ה״ה: מ. נייפעלד, א. ווארשאווסקי און י. מ. זילבערבערג.
בעמערקונג: די אבטרעטענדע מיטגלידער קאנען אויפסניי געוועהלט ווערען.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ברודער׳ס-זוהן
מאיר קרויזע מיט פר״ל. **סאלא בידא**
ווינשען מיר זיי פיעל גליק און צופרידענהייט.
אויך די עלטערן ווינשען מיר צו האבען פון זיי פיעל נחת.
זיסמאן קרויזע און **פרוי.**

Z intencji zaręczyn kuzyna naszego
MARKA KRAUZE z p. ALINĄ BIDÓWNĄ
życzymy wiele szczęścia zadowolenia
MANIA i MONIEK KRAUZE.

דאס פוטער- און קאפעלושען=געשעפט
פון **ב. בערקאוויטש** און **ר. קעלציגלאווסקי**
אלעע 11, פראנט, איז שוין אפען.
דאס געשעפט איז פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל **קאפעלושען** פון אלע פירמען פון ביליגסטען ביז׳ן טייערסטען.
היטלען פון אלע סארטען.
פוטער פון אלע סארטען און צו די ביליגסטע פרייזען, ווייסט איהר דאך אלע קאן מען נאר בעקומען ביי דער פירמע ב. בערקאווימש און ר. קעלציגלאווסקי, אלעע 11, פראנט, דעריבער עמפפעהלען מיר זיך אויף ווייטער די ג׳ קונים׳
הורט! די בעסטע סחורה און די ביליגסטע פרייזען. דעטייל!

דאס פוטער- און קאפעלושען- געשעפט
פון **בתריאל קעלציגלאווסקי**
(די פירמע עגזיסטירט העכער 35 יאהר)
האט געעפענט זיין געשעפט
אין נייען מארק 6, אין טויער, 1 שטאק, פראנט
וואו עס איז צו בעקומען **קאפעלושען** פון **4 זל. אן**
ווי אויך אלע זארטען
היטלעך און יודישע היטלעך צו ביליגע פרייזן.
אויך **אלערליי פוטער-ווארען!**
רעיעלע און סאלידע בעהאנדלונג! גערענקט די אדרעס!

Pracownia gorsetów biustonoszy i bandaży leczniczych
„BRONISŁAWA" Ogrodowa 6 (dawniej 20)
przyjmuje obstalunki.
Modele zagraniczne Ceny przystępne

לעבענסמיטעל - ווענדונגען קיין רוסלאנד
דירעקט, שיקט נאר די קאנצעסיאנירטע פירמע
„PRESTO", Warszawa, Fredry 10, tel. 707-10, P. K. O. 5470,
יום=טוב׳דיגע פעקלעך:
מצה, מצה-מעהל, פסח׳דיג מעהל אונטער דער אויפזיכט פון ווארשאוער ראבינאט, גענזען-שמאלץ און אנדערע ארטיקלען. מען בעט זיך ווענדען נאך אינפארמאציעס.
בעמערקונג: אלע אנדערע פירמעס, וואס רעקלאמירען זיך איבערצושיקען פעקלעך דירעקט פון פוילען נאך רוסלאנד פיהרען ארייין אין א טעות.

מעבעל
אלערארט: ווי איינצעלנע שטיק, גאנצע שלאף-צימער, עס-צימער, ביורא-מעבעל
קויפט מען אמביליגסטען ביי
פ. שלעזינגער, 1 אלעע 3.
בעמערקונג: איך קויף און פערקויף גענוצט מעבעל.

געזעלשאפט „אחי-עזר" אין טשענסטאכאוו.
מיר מאכען בעקאנט אונזערע מיטגלידער, אז די
יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג
זונטאג דעם 3-טען **אפריל** ד. י. **3 א זייגער נאכמיטאג** (אין פאל פון נישט א גענוגענדע צאהל מיטגלידער 4 נאכמיטאג) אין לאקאל פון דער **האנדווערקער באנק אלעע № 12,**
מיט פאלגענדען טאג -ארדנונג:
1) ערעפנונג. 2) וואהלען פון א פארזיצער פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג. 3) אדורכלעזען דעם פראטאקאל פון דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג. 4) בעריכט פון דער טעטיגקייט און אויספיהרען דעם § 17 פון סטאטוט. 5) אדורכלעזען דעם פראטאקאל פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע, קאסע-בעריכט, ווי אויך בעשטעטיגען דעם בילאנס פאר׳ן 1931 י. 6) פארשלאג פון דער פערוואלטונג צו ענדערען דעם § 12 פון סטאטוט און אנד. 7) בודזשעט אויפ׳ן יאהר 1932. 8) וואהלען פון 5 מיטגלידער אין דער פערוואלטונג אויפ׳ן ארט פון די ארויסטרעטענדע ה״ה: הערצבערג, פ. פראפארט, ד. שייקאוויטש, ב. שלעזינגער און ה. זיסמאן, ווי אויך 8 פערטרעטער און וואהלען פון א רעוויזיאנס-קאמיסיע. (די פוריגע מיטגלידער קאנען נאך א מאל אויסגעוועהלט ווערען). 9. פרייע פארשלאגען.

צענטראלער יודישער האנדווערקער=פערבאנד אין טשענסטאכאוו.
מארגען, שבת, 9 אווענד
קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, אלעע 12 №
א גראנדיעזער פאמיליען-אווענד
מיט א רייכען פראגראם. איינגאנג 1 זלאטי.

אויפפאדערונג.
נאך פיעל ווענדונגען צו דער ארגאניזאציע „מזרחי" זענען מיר געצוואונגען זיך צו ווענדען עפענטליך, אז זיי זאלען בעצאהלען אין משך פון 8 טעג דאס דירה-געלד, וואס קומט פון זיי פון 1-טען אקטאבער 1930, ביז דעם 1 אפריל 1932 ווי אויך פאר וואסער, אנדערש וועלען מיר זיין געצוואונגען דאס איבערצוגעבען אין געריכט.
די בעלי-בתים פון הויז בערעק-יאסלעוויטש-גאס 1.
ש. מיסקע און ל. פירשטענבערג.

שוין צו פערדינגען
א געוועלב אין נייעם מארק 3
וואס איז געגאנגען פאר דער מלחמה 1000 רובל אויך א געוועלב אין בערעק-יאסעלעוויטש-גאס נר. 1 וואס געהט דירה-געלד 350 רובל פאר דער מלחמה, אויך א קעלער-שטוב אין זעלבען הויז צו פערדינגען.

מיר בעריכטען דערמיט, דאס דער בשותפותדיגער טאנץ-אווענד מיט דעם פרויען-פעראיין „עזרה", ד. 27 לוטי ד. י. האט ארייינגעבראכט נעטא 435 זל. 49 גר. מיר מוזען דערביי צוגעבען, דאס א דאנק דעם פרויען-פעראיין „עזרה", וועלכער איז זעהר פאפולער אין אונזער שטאדט און אויך דער אינטענסיווער ארבייט פון די אויבענדערמאנטע פרויען, איז אונז געלונגען ביי דער היינטיגער צייט צו עררייכען אזא בעדייטענדען ערפאלג, פארוואס מיר דריקען זיי אויס אונזער הארציגען דאנק.
מיט דרך-ארץ **די אקאדעמישע ציוניסטישע יוגענד.**

קופהויזער - טעכניקום
פאר אינזשיניער און ווערק-מייסטער
באר פראנקעהויזען, קופה,
פראגראם-פאדערונג: עלעקטראטעכניק, מאשינען, ערד-מאשינען, אויטא- און לופט-בעטריעב, שטאהל-בוי, אייזען-וואסער-בוי
פאר סוחרים 1-סעמעסטריקערטעכנישער קורס.

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דעם חבר **יעקב** ווי אויך דער פאמיליע **בערמאן** צוליעב דעם פלוצלינגען טויט פון זייער **פאטער** און **מאן**
אין אייער טרויער זייט געטרייסט!
פייגענבוים, שטילער.

נאטיצען.

וועגען היימישע ענינים.

שוין באלד א יאהר ווי עס זענען פארגעקומען די קהלה-וואהלען און נאך וויסען מיר נישט היינט צו טאג, וואו מיר האלטען אין דער וועלט, און דאס צוליעב די פרעזידיום-וואהלען פון דער פערוואלטונג, וועלכע זענען פארגעקומען עטליכע מאל און נאך די פערשידענע קאמפליקאציעס און עקספערימענטען איז אויסגעוועהלט געווארען א פרעזעס מיט א קליינער צאהל שטימען און עד היום ווייסט מען נישט אויב די אויפזיכטס - מאכט האט די וואהל בעשטעטיגט, טראץ דעם, וואס עס זענען זינט די לעצטע וואהלען שוין אוועק 4 מאנאטען.

מיר האבען שוין מיטגעטיילט, אז לויט געוויסע אונצווייפעלהאפטע ידיעות זאל דאס מיניסטעריום פעראָרדנען, אז אין אלע קהלות פון דער קעלצער וואיעוואודסטווא זאלען נאכאמאל פארקומען וואהלען פון די פרעזידיומס פון די קהלה-ראטען און די פערוואלטונגען און דאס איז דערפאר, ווייל די פעראָרדנונג פון וואיעוואדא וועגען דעם סדר פון די פרעזידיום-וואהלען איז געשטאנען אין סתירה מיט'ן קהלות-געזעץ, לויט וועלכען עס דארף פריהער געוועהלט ווערען די פערוואלטונג, און ערשט נאכדעם זאל זיך דער ראט קאנסטיטואירען, כדי דאס פרעזידיום פון ראט זאל געוועהלט ווערען פון די פאקטישע ראט-מיטגלידער אויך דורך די וועלכע זענען אריין אין ראט אויפ'ן ארט פון די וואס זענען געוועהלט געווארען אין דער פערוואלטונג, און דעריבער זאלען ביי אונז אין שטאדט אויך דארפען פארקומען נייע פרעזידיום-וואהלען אזוי פון ראט ווי פון דער פערוואלטונג.

מיר האבען אפילו נישט קיין ידיעות פון אנדערע שטעדט פון דער קעלצער וואיעוואודסטווא אויסער פון ראדאם וואו די פעראָרדנונג זאל שוין זיין אנגעקומען וועגען פסל'ן די דארטיגע פרעזידיום-וואהלען, לויט ווי עס טיילט מיט די ראדאמער פרעסע.

עס איז זאגאר פערהאן א קלאנג אז אין דער היגער סטאראסטווא זאל זיך שוין געפונען דער ענטפער פון מיניסטעריום וועלכער זאל זיין אין דעם זעלבען זין, אז די לעצטע פרעזידיום וואהלען פון דער פערוואלטונג ווערען נישט בעשטעטיגט און עס זאלען פארקומען נאכאמאל וואהלען פון די פרעזידיום'ס אזוי פון ראט ווי פון דער פערוואלטונג. אבער עס איז שווער צו גלייבען אז אזא פעראָרדנונג זאל זיך געפונען אין סטאראסטווא און זי זאל וועגען דעם נישט מיטטיילען דער קהלה.

יעדענפאלס איז געוויס די פליכט פון די קהלה-ארגאנען זיך מיט דער זאך צו אינטערעסירען, און צו ערפאהרען אויף ווי ווייט די דאזיגע קלאנגען שטימען מיט דער ווירקליכקייט, ווארום עס איז דאך געוויס שוין די העכסטע צייט אז מען זאל וויסען ווי די זאך בעשטעהט אז די קהלה מיט אלע איהרע אינסטיטוציעס זאלען נישט נאכמעהר אונטערגעהן צוליעב דער אונקלארער לאגע אין וועלכער מיר געפונען זיך.

עס איז שוין עפיס ווי א פערשאלטענע זאך אז ביי אונז אין טשענסטאכאוו מוזען יעדעס יאהר קאסטען מצות בעדייטענד טייערער ווי אין אנדערע קהלות אין פוילען.

יעדעס יאהר קומט פאר דאס זעלבע געוואלד, אלע שרייען, ווי איז דאס געהערט געווארען אז אין דער צייט ווען א קילא מעהל קאסט למשל 40 גראשען, זאלען פערטיגע מצות קאסטען 4 מאל אזויפיל, און שטענדיג בלייבט מען ביים שרייען און מען מוז צאהלען די הויכע פרייזען אויב מען וויל עסען מצה.

היינט לעבען מיר דאך עפיס אין א צייט פון שרעקליכען קריזיס ווען יעדען מענש, איבערהויפט דעם מיטעלמאן, קומט אן מיט שווייס אויסצוגעבען א בעדייטענדע סומע אויף מצות וועלכע ער מוז זיך צוגרייטען אויף גאנץ פסח, בעזונדער איז היי-יאהר דאס מעהל ביליגער ווי אנדערע יאהרען, און פארט דאכט זיך אז מיר טשענסטאכאווער יודען, וועלען ווידער צאהלען טייערער ווי אלע אנדערע קהלות פאר מצות.

גאנצע אכט טעג און נעכט זיצט מען אין דער קהלה און מען טראכט ווי אזוי צו געפונען א אויסוועג, מען פערשטעהט אז ס'איז נישט אין ארדנונג, אז ס'דארף אזוי נישט זיין, און פארט האט מען קיין אויסוועג נישט געקענט געפונען. בעשולדיגט מען די בעקערס אז זיי ווילען אויסנוצען דעם „סעזאן" כדי אנצופילען זייערע קעשענעס. קומען זיי און ווייזען אויף אז זיי פערדינען גארנישט, נאר אלעס געהט אריין אין די ארבייטער, — הערט מען ווידער אויס די ארבייטער ווייזט זיך ארויס אז אויך זיי פערדינען קוים אויף די עטליכע טעג פסח, און אזוי איז דאס א פער'כשופ'ט ראד, א רעטעניש וואס מען קען נישט לעזען.

און דא איז די נויט אזוי שרעקליך, שוידערליך, טויזענדער יודישע נפשות שטעהען מיט אויסגעלאשענע אויגען און קוקען, און טראכטען, מאין יבא עזרי? פון וואנען וועלען מיר נעמען אויף פסח? און בעזונדער זענען פערהאנען יודישע זעלנער, שפיטעלער, ארעסטאנטען, וועלכע מען מוז פערזארגען וועגיגסטענס מיט מצות, עס איז דאך פארט פסח, און מיר זענען דאך יודען.

אויף דער לעצטער זיצונג פון מצה-קאמיטעט איז אנגענומען געווארען א בעשלוס (מיר גיבען וועגען זיעם א בעזונדערן בעריכט), אז די קהלה זאל אויסמיידען אינגאנצען די בעקערס און זאל באקען מצות אויף אייגענעם רעכנונג, מיט דער פערשטענדיגונג פון פראפעסיאנעלען פעראיין, אזוי אז די ארבייטער וועלען זיין בעשעפטיגט ביי דעם באקען און וועלען ווי שטענדיג פערדינען.

דאס איז א עקספערימענט, וועלכען מען האט לויט דער געשאפענער סיטואציע געמוזט מאכען, און לאמיר גלויבען אז די הייריגע מצה-אקציע וועט געלונגען, און די היגע יודען וועלען נישט צאהלען פיעל טייערער ווי אין אנדערע שטעדט.

י. פ.

פון דער וואך.

רעקאנסטרוקציע פון דער רעגירונג.

עס האבען זיך בעשטעטיגט די ידיעות פון דער פרעסע, אז עס זענען פארגעקומען א גאנצע רייהע ענדערונגען אין די רעגירונגס-ארגאנען, איבערהויפט אין די מיניסטעריומס פאר לאנדווירטשאפט אגראר-רעפארמען און עפענטליכע ארבייטען.

וועגען הילף פאר'ן סוחרטום.

מיר האבען שוין מיטגעטיילט, אז דאס האנדעלס-מיניסטעריום, איז ערנסט צוגעטרעטען זיך צו בעקענען גענויער מיט דער לאגע פון סוחרטום אין פוילען און צו געפונען מיטלען ווי ארום אויסצובעסערן איהר קאטאסטראפאלע לאגע. צו דעם צוועק איז אין האנדעלס-מיניסטעריום פארגעקומען א גרויסע קאנפערענץ אין וועלכער עס האבען אנטייל גענומען לערך 80 דעלעגאטען פון די סוחרישע ארגאניזאציעס אין גאנצען לאנד. עס זענען בעריהרט געווארען די וויכטיגסטע פראגען וואס בעדראהען די עגזיסטענץ פון די סוחרים אין פוילען. עס איז פיעל גערעדט געווארען וועגען דעם צוואנגס זונטאג רוהה, וואס בעשווערט שטארק די יודישע סוחרים. אין רעזולטאט איז געשאפען געווארען א קאמיסיע וואס זאל זיין טעטיג אויף דעם געביט מיט דעם האנדעלס-מיניסטעריום אין דער שפיץ.

די עקסקוריעס קיין ארץ-ישראל.

די פעראינטערעסירונג מיט דער גרויסער צאהל יודישע עקסקוריעס וואס פאהרען איצט אב קיין ארץ-ישראל איז גרויס אין דער גאנצער יודישער וועלט. כמעט נאך קיינמאל זענען אזויפיעל מענשען נישט געפאהרען, אין דער צייט ווי היי - יאהר, טראץ דעם וואס דער קריזיס איז גרויס, און ווייניג מענשען קענען זיך ערלויבען אויף ווייטע רייזעס. מען האלט דעריבער, אז דאס זענען נישט גלאט קיין לוסט-רייזעס צו זעהען דאס שעהנע לאנד, נאר אז די גרעסטע צאהל רייזענדע האבען אין זינען זיך אריינצודרעהען אין לאנד, און צו געפונען מעגליכקייטען זיך דארט בעזעצען. אין א"י הערשט א גרויסע אויפלעבונג אויף אלע געביטען צו די ערווארטענדע געסט, וועלכע ווערען געשעצט אין די צעהנער טויזענדער.

נפטר געווארען דער קאלישער רב.

זונטאג איז אין קאליש נפטר געווארען דער דארטיגער רב הרבה"ג ר' יחזקאל ליפשיץ ז"ל, אין עלטער פון 74 יאהר. הרב ליפשיץ איז געווען איינער פון די גרעסטע רבנים אין פוילען, פרעזעס פון דער אגודת הרבנים און מיטגליד פון דער יודישער אגענץ. אין זיין לויה האבען זיך בעטייליגט טויזענדער מענשען פון פיעל שטעדט, רבנים און כלל - טהוער, אויך פארשטעהער פון דער רעגירונג.

דעפוטאט גרינבוים'ס געזעגנונגס בעזוכען.

דעפ. יצחק גרינבוים, וועלכער פאהרט אב אין קורצען פון פוילען, מאכט איצט א בעזוך אין א גאנצע רייהע שטעדט, וועלכע האבען איהם פערבעטען צו האלטען דארט אייניגע געזעגנונגס-רעפעראטען, און איבעראל ווערט דעפ. גרינבוים אויפגענומען מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג, און זיינע פארלעזונגען רופען ארויס די גרעסטע פעראינטערעסירונג.

עס וואלט אפשר געדארפט אויפמערקזאם געמאכט ווערען די היגע ציוניסטישע ארגאניזאציע, אז אויך זי זאל אויסנוצען די געלעגענהייט און איינלאדענען דעם דעפ. גרינבוים אויף א רעפעראט אין אונזער שטאדט איידער ער פערלאזט פוילען.

ביי איבערגעריסענעם שטוהל-גאנג
און איבערגעבליבענער מאגען-זויערע פיהרט אב דאס זעהר מילדע, נאטירליכע ביטער-וואסער Franciszk Józef די איבערבלייבעכצען פון דער פערדייאונג אין מאגען און געדערם און פערהיט אין פיעל פאלען פון בלוט-דארם-ענטצינדונג.

אין וועלכע יאהרען פאלט אויס די קריסטליכע פאסכא 4 וואכען פאר פסח?

דער היי-יעהריגער קאלענדאר ווייזט אונז אייגענטליך א נייעס – א זאך וואס טרעפט נישט זעהר אפט. דהיינו: די קריסטליכע פאסכא (וויעלקאנאץ) פאלט אויס 4 וואכען פריהער ווי דער יודישער פסח (דעם 27-טען מערץ). אין מעהרסטענטייל יאהרען, דאגעגען, פאלט פאסכא אויס אינאיינעם מיט פסח, ד. ה. אין דעם זונטאג וועלכער קומט אויס אין דער צייט פון ט"ו ביז כ"ב ניסן. אין א פשוט יאהר (נישט קיין עיבור) איז דער דאזיגער כלל שטענדיג גילטיג אהן אויסנאהם; דער פאל ווען פאסכא קומט אויס אין חודש אדר קאן נאר טרעפען אין אנ'עיבור-יאהר, נאר נישט אין יעדען עיבור-יאהר איז עס אזוי ווי טייל מענשען מיינען.

אט איז א חשבון, דורך וועלכען מען קאן וויסען אין וועלכען יאהר פאסכא פאלט אויס צוזאמען מיט פסח און אין וועלכען – מיט 4 וואכען פריהער.

די צאהל פוג'ם בעטרעפענדען יאהר טיילט מען אויף 19 און מען זעהט וואס פאר א רעשט עס בלייבט. אויב עס איז געבליבען 2, 10 אדער 13, דאן פאלט פאסכא אויס 4 וואכען פאר פסח ד. ה. אין דער צייט פון י"ד ביז כ"א אדר ב' און אויב עס איז געבליבען אנ'אנדערע צאהל אדער עס האט זיך גראד צוטיילט, דאן פאלט פאסכא אין חודש ניסן. צב"ש דאס יאהר 1932 אז מען טיילט אויף 19 בלייבט איבער א רעשט 13, דעריבער פאלט טאקי אויס פאסכא י"ט אדר ב'.

די סיבה וואס האט מיך בעוואויגען אויפצושרייבען די דאזיגע שורות איז דאס וואס איך האב זיך איבערצייגט, אז נישט בלויז פשוט'ע בשר-ודמ'ס ווייסען נישט דעם חשבון (אין אזא פאל וואלט דאך דער קאלענדאר געקאנט זיין מאסגעבענד) נאר זאגאר אייניגע „פאטענטירטע" לוח-מאכער און בתוכם דער „לוח-החיים", וועלכער ווייסט אגב „פונקטליך" פאראויסצוזאגען וואס פאר א וועטער עס וועט זיין אין יעדען טאג פון יאהר – ווייסען נישט פון די אויבענדערמאנטע כללים, און האבען אין זייערע לוחות אויפ'ן יאהר 1932 אוועקגעשטעלט דעם „וויעלקאנאץ" ביי דעם דאטום פון 24-טען אפריל, ד. ה., לויט דער יודישער דאטע י"ח ניסן. צוליעב דעם דאזיגען טעות זענען אין די יעניגע לוחות ארויסגעקומען מיט 4 וואכען שפעטער נאך 3 חגאות, וועלכע זענען אבהענגיג פון פאסכא.

צום סוף וויל איך נאך אגב פערצייכנען, אז דער פאל ווען דער ערשטער טאג פאסכא וועט ווידער אויסקומען דעם 27-טען מערץ, וועט פארקומען ערשט אין יאהר 2005 ד. ה. אין 73 יאהר ארום.

י. מ. פ—ק.

1)

די ענטלאפענע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון י. איזאקזאהן.

1.

עס איז שוין געווען גענוג שפעט אין אווענד.

ר' יעקב משה איז איינער פון די רייכסטע און חשוב'סטע יודען אין פראנקפורט-אם-מיין, ראש - הקהל און כלל - טהוער, דאביי א זעהר פרומער אבגעהיטענער יוד און א גרויסער למדן.

בייטאג איז ער פערנומען מיט זיינע גרויסע פערצווייגטע געשעפטען אויך מיט די פיעל כלל-זאכען וואס ער האט צו ערלעדיגען אין דער יודישער קהלה, אלס ראש-הקהל, און אין אווענד פלעגט ער יעדען טאג לערנען זיין שיעור, דאס איז ביי איהם געווען אזא הייליגער מנהג, אז קיין שום זאך האט איהם דערפון נישט אבגעהאלטען, ווען ער איז אריין אין זיין ספעציעלען צימער, לערנען זיין שיעור, האבען שוין אלע הויז-מענשען געוואוסט, אז מען טאר איהם נישט איבעררייסען ווען זאגאר עס זאל קומען איינער מיט דעם וויכטיגסטען געשעפט, אויסער וועגען עפיס א דרינגענדען כלל-ענין, אויך נאר אין אויסנאהמס-פאלען.

אין יענעם אווענד איז ר' יעקב משה, אזוי ווי זיין שטייגער איז געווען, געזעסען אין זיין צימער און געלערנט און ער איז געווען אזוי פערטיעפט אין לערנען, אז ער האט נישט געהערט ווי די טהיר פון זיין צימער האט זיך געעפענט און ס'איז אריין זיין פרוי.

זי איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר עטליכע מינוטען, אזוי ווי זי וואלט נישט געוואגט איבערצורייסען איהר מאן פון זיין לערנען, אבער ענדליך האט זי אנגענומען א בעשלוס און איז צוגעגאנגען נאהנט צום טיש, וואו איהר מאן איז געזעסען.

ערשט דאמאלס האט ר' יעקב משה זי בעמערקט און ער האט ערשטוינט געפרעגט:

הא, רחל'ע דו ביזט דאס אזוי שפעט? כ'האב געמיינט אז דו שלאפסט שוין.

איך שלאף נאכנישט, יעקעלע—האט זיין פרוי געענטפערט—און איך בין געקומען מיט דיר עפיס אדורכרעדען.

איצט, אין מיטען לערנען? דו ווייסט דאך רחל'ע, אז איצט בין איך פערנומען, די עטליכע שעה זענען מיינע און איך טאר נישט, איך קען מיט דיר נישט רעדען.

אבער די זאך איז אזוי וויכטיג, אזוי שטארק וויכטיג, אפשר ווי דאס לערנען.

דאס קען נישט זיין.

עס איז יא אזוי, עס האנדעלט זיך וועגען אונזער איינציגע טאכטער, וועגען אונזער חנה'לע, אונזער בת-זקינים.

וואס?—האט שוין ר' יעקב משה געפרעגט דערשראקען— וועגען חנה'לען זאגסטו, האט חלילה עפיס פאסירט?

שרעק זיך נישט, עס האט קיין בייז נישט פאסירט, אבער דעם גאנצען טאג ביזטו אזוי פערנומען, אז איך קען מיט דיר קיין ווארט נישט רעדען און מיר מוזען דאך קלערען וועגען א תכלית פאר אונזער איינציג קינד.

וואס הייסט? כ'פערשטעה דיך נישט.

דו פערשטעהסט נישט? חנה'לע איז שוין קיין עין-הרע 18 יאהר אלט און מען מוז שוין טראכטען וועגען א שידוך פאר איהר.

אבער וואס עפיס אזוי דרינגענד — איצט אזוי שפעט ביינאכט? לאמיר דאס איבערלאזען אויף שבת, ווען מען מעג רעדען וועגען די זאכען.

ניין, איך וועל דאס נישט אבלעגען, רחל'ע איז אויסגעוואקסען אין א זעהר שעהן מיידעל, ווער עס זעהט זי ווערט ערשטוינט פון איהר שעהנהייט, זי איז אויך זעהר געלערנט און איך האלט אז מען דארף מיט איהר וואס פריהער טהון א שידוך, אויסזוכען פאר איהר א חתן, וואס זאל זיין צו גאט און צו לייט, אזוי ווי עס פאסט פאר אונזער געראטענער טאכטער.

ר' יעקב משה האט פארשענד געקוקט אויף זיין פרוי, אזוי ווי ער וואלט געוואלט אריינדרינגען אין איהרע געדאנקען און לעזען וואס זי האט אין זינען, דערביי האט ער געזאגט:

איך זעה, רחל'ע, אז דאס איז נישט גלאט אזוי ווי דו זאגט, אז דו זאגסט מיר נישט אלעס. זאג מיר, כ'בעט דיך דעם אמת, פארוואס דו האסט פלוצים אזוי מורא פאר אונזער קינד.

איך האב מורא זאגסטו, יא, איך האב מורא, א מוטער - הארץ פיהלט מעהר, דו ביזט שטענדיג אריינגעטהון אין דיינע געשעפטען אין אנדערע וויכטיגע זאכען, און דו טראכטסט קיינמאל וועגען אונזער איינציג קינד, אבער איך זעה ווי זי בליהט אזוי ווי א רויז און אזוי יודען ווי קריסטען וואס קומען צו אונז אריין געשעפטליך זוכען איהר בעקאנטשאפט, און דאס ווארפט אויף מיר אן א שרעק...

יעקב משה האט זיך פערטראכט, אויפגעהויבען זיך און ארומגעגאנגען היין און צוריק איבער'ן צימער. דאן האט ער זיך אבגעשטעלט און געזאגט:

דו ביזט גערעכט רחל'ע. איך בין אזוי שטארק פערנומען, אז איך טהו פערנאכלעסיגען דאס וויכטיגסטע און טייערסטע, מיר מוזען זיך נעמען ערנסט טראכטען וועגען א שידוך פאר אונזער חנה'לען צו מזל און מען מוז עפיס אויסזוכען א חתן מיט וועלכען מיר זאלען זיך נישט האבען צו שעהמען, איצט לאז מיך צורוה, איך וויל פערענדיגען מיין שיעור.

ר' יעקב משה'ס [illegible] האט זיך געלאזט ארויסגעהן פון צימער, אבער ווען זי איז נאך געווען אין דער טהיר האט דער מאן זי צוריקגערופען און געזאגט:

דו ווייסט וואס מיר איז איינגעפאלען, איך וועל מארגען אריבערגעהן צו אונזער רב, וועלכער פיהרט א זעהר גרויסע ישיבה און איך גלויב אז ער וועט פאר מיר אויסזוכען זיין בעסטען תלמיד.

לערנען ביי איהם אין דער ישיבה אזאלכע גוטע בחורים?

וואס פרעגסטו עפיס, ר' נפתלי הכהן אונזער רב, איז דער גרעסטער גאון פון דער היינטיגער צייט, און ביי איהם אין ישיבה געפונען זיך תלמידים פון דער גאנצער וועלט, וואס זענען בעריהמט אויף ווי ווייט.

נו, דאס איז שוין דיין זאך, טהו ווי דו פערשטעהסט און גאט זאל אונז פיהרען אין גלייכען וועג—האט די פרוי געענטפערט.

זי איז ארויס פון צימער און ר' יעקב משה האט זיך ווייטער פערטיעפט אין זיין לערנען, אבער ער האט נישט געקענט פערטרייבען פון זיינע געדאנקען די ווערטער פון זיין פרוי, אז זי האט מורא, און אז מען מוז וואס פריהער א שידוך טהון מיט זייער איינציגע טאכטער...

(פארטז. קומט).

ז. קאטלער ירושלים.

אויף מיין רייזע אינ'ם יודישען לאנד.

(קורצע נאטיצען און סקיצען)

זייט דאס יאהר 1920 איז ארץ-ישראל א לאנד פון שטענדיגען בויען און אונאויפהערליכער ענטוויקלונג.

אפילו אין די גאר ערנסטע מאמענטען איהרע, פאר דער דאזיגער צייט, האבען איהר אויפבויאונג און ענטוויקלונג זיך נישט אבגעשטעלט. און האט מען ווען אין איהר נישט געשאפען, נישט געבויט—האט מען דאמאלס פערפולקאמט און פערפעסטיגט דאס שוין געשאפענע, דאס שוין געבויטע.

דעריבער אויב עמיצער, אפילו דער היגער תושב, וויל זיין שטענדיג אין קורס פון אלץ וואס ס'ווערט אויפגעטהון אין אונזער לאנד, אין א"י, מוז ער, ווייניגסטענס, כאטש איינמאל אין יאהר זי בערייזען פון עק ביז עק, זעהן מיט אייגענע אויגען אלע ענדערונגען און נייאיגקייטען, וועלכע זענען אין איהר פארגעקומען אין פערלויף פון זעלבען יאהר און זיי אויך גרונדליך שטודירען.

ווי אלע יאהר ביז יעצט, אזוי אויך אינ'ם יעצטיגען יאהר, האב איך מיין רייזע איבער'ן לאנד אנגעהויבען באלד נאך די ריכטיגע „ימות הגשמים" (דער סעזאן פון די גרויסע רעגענס אינ'ם לאנד) און איבער אלץ וואס איך הער, זעה און שטודיר, בעת מיין דאזיגער רייזע, וועל איך פון צייט צו צייט דערצעהלען מייגע חשוב'ע לעזער אין בעזונדערע נאטיצען און סקיצען.

דאס וואונדער תל-אביב.

יא, יא! „דאס וואונדער תל-אביב". אנדערש קען מען עס גארנישט זאגען

מיט איהר אזוי שנעלען אויפקום, אזוי שעהנעם אויסזעהן, אזוי ראשען וואוקס און ענטוויקלונג, איז תל-אביב שטענדיג געווען א וואונדער אין די אויגען פונ'ם פרעמדען, דעם גאסט און דעם טוריסט.

און מיט איהר אויפבויאונג און איהר אזוי שנעלען וואקסען אויך יעצט, איז זי א וואונדער אויך אין די אויגען פון דעם היגען שטענדיגען תושב וועלכער זעהט זי אזוי אפט און ביי יעדער וויכטיגער און אפילו נישט-וויכטיגער געלעגענהייט.

מערקט עס אייך גוט! יעצט! ווען די גאנצע וועלט לעבט איבער מורא'דיגע צייטען פון שרעקליכען קריזיס, פון פערצווייפעלטע עלענד; עס קראכצן די עלטסטע און שטארקסטע בענק, עס ווערען חרוב ונחרב די גאר פערפונדעוועטע באלעבאטישקייטען. עס פאלען די דעמבעס פון פינאנץ און עס ציטערן די ריזען פון אינדוסטריע און ווירטשאפט,—אט אין סאמע מיטען פון דעם דאזיגען עקאנאמישען און פינאנציעלען וועלט-חורבן בויט זיך תל-אביב, וואקסט און פערגרעסערט זיך און אזוי שנעל ווי נאך קיינמאל!

עפעס ווי מיט איינמאל זענען נמאס געווארען אלע לעבעדיגע נישט-פערבויטע ערטער און פלעצער אין דער דאזיגער אזוי-יונגער שטאדט, איהר אויג איז מיעד געווארען צו קוקען אויף זיי און א געהיימע מאכט האט ארויסגעגעבען א שטרענגען בעפעהל:

— פערפולט זאפארט די דאזיגע ערטער און פלעצער!

און מען האט זיך ראפטאם א נעהם געטהון צום בויען, און מען בויט!

אין די ווייטע קווארטאלען ווי אין די צענטראלע גאסען, אין די פערשטויסענע געגענדען און ווינקעלעך, אויפ'ן ברעג פונ'ם ים אין דער צפון-זייט, ווי אין דער צענטראלער אלענבי-גאס, ארום דעם ראטשילד-פארק און נאך פיעל אנדערע צענטראלע גאסען.

מיט איין ווארט: וואוהין נור דו ווענדעסט דיין בליק, זעהסטו ווי מען פויט און מען בויט!

און אין דעם אזוי שנעלען און אינטענסיווען בויען ווערט פערניכטעט שוין יעדער שפור פון דער תל-אביב'ער ראמאנטיק, פון דעם איינציגען בעווייז אויף דעם פיאניערטום פון תל-אביב'ס טאטעס, איהרע נאר ערשטע גרינדער און בויער.

אלע ליידיגע און וויסטענדע ערטער און פלעצער, אין אלע זייטען, ווי אויך אין צענטער פון דער שטאדט, צווישען א-הרע גאסען און הייזער, וועלכע האבען ביז יעצט געדיענט אלס בעווייזען דערויף, וואס פאר א זאמדיגע וויסטע די גאנצע געגענד איז געווען איידער אויף איהר איז אויפגעשטעלט, אויפגעבויט און ענטוויקעלט געווארען דאס יעצט שוין אזוי בליהענדע תל-אביב, — אט די אלע ערטער און פלעצער ווערען יעצט פערבויט און פערשטעלט מיט נייע הייזער, מיט נייע גאנצע קווארטאלען.

און צוזעהענדיג מיט וועלכע ענערגיע, לוסט און שנעלקייט דאס אלץ ווערט דא געטהון, דאכט זיך אייך, אז אנשטאט צו שטאלצירען דערמיט, וואס אויף א זאמדיגער וויסטע האט מען אין פערלויף פון בסך - הכל 22 יאהר בעוויזען אויפצובויען אזא מאדערנע, שעהנע, גרויסע שטאדט, שעהמט מען זיך גאר דערמיט...

און גערעכט איז געווען מיינער א פריינד אין תל-אביב, וואס בעגעגנענדיג מיך אין איהרע גאסען האט ער האלב ערנסט און האלב אין שפאס אויסגערופען:

— זעהר גוט האסטו געטהון, חביבי, וואס דו האסט זיך געאיילט צו קומען אין אונזער תל-אביב נאך פאר פו ים, האסטו נאך די געלעגענהייט צו [illegible] הן דעם קליינעם נשאר פון דער גרויסער זאמדיגער וויסטע, מיט 22 יאהר, אויף וועלכער ס'וואקסט און בליהט יעצט אונזער אזוי מאדערנע און שעהנע שטאדט, תל-אביב; ביז פורים וועט אויך פון דעם דאזיגען נשאר שוין זיכער נישט בלייבען קיין זכר—אלץ וועט דא שוין זיין פערבויט!

א קלייניגקייט עפעס דאס בויען מיט אזא טעמפא, מיט אזא חשק, מיט אזא ברען?!

ס'בויען זיך מיט איינמאל 300 בנינים, בערך 1,000 דירות און געשעפטען!

אייגציגע הייזער ווערען געבויט אויף פריוואטען באדען און גאנצע קווארטאלען—אויפ'ן באדען פונ'ם יודישען נאציאנאל-פאנד.

און אט אין דעם בוי-אימפעט זענען די לעצטע מאנאטען שוין אויפגעבויט געווארען פיעל צעהנדלינג הייזער—אויף פריוואטען באדען, און די קאאפעראטיווע ארבייטער-הייזער, די צוויי ארבייטער-קווארטאלען (שכונת הפועלים א' וב'), די צוויי קווארטאלען פון די געוועזענע שכנים (שכונת השכנים א' וב') —אויפ'ן נאציאנאלען באדען; איצט בויען זיך און ווידער טאקי, אויפ'ן נאציאנאלען באדען—די שכונת הפועלים ג', די שכונת השכנים ג' און דער נייער קווארטאל פון לעהרער, אנגעשטעלטע אין דער תל-אביב'ער מוניציפאליטעט און שריפטשטעלער.

וועט איהר דאך מעגליך פרעגען:

— בשלמא די פריוואטע, סוחרים, קרעמער וכדומה, אז זיי בויען—האבען זיי דאס נויטיגע געלד דערפאר; איז נישט אייגענס—איז פרעמדס; עלעהיי געשעפט... אבער די תל-אביב'ער ארבייטער, שכנים, אנגעשטעלטע, לעהרער און שריפטשטעלער — וואו האבען זיי גענומען געלד צום בויען און וואס פאר א סארט הייזער בויען זיי דאס?...

דעם ענטפער אויף די דאזיגע און אנדערע עהנליכע פראגען, וועט איהר זיך דערוויסען אין די קומענדיגע נאטיצען און סקיצען פון מיין רייזע אינ'ם יודישען לאנד, פון וועלכע מיין דאזיגער ארטיקעל איז דער גאר ערשטער.

מען דארף זיך וועגען דעם ערנסט פערטראכטען.

(צו דער אויפמערקזאמקייט פון די ארטיגע געזעלשאפטען.)

איך וויל אויף די שפאלטען פון דער צייטונג ארויסזאגען א געדאנק, וואס שוועבט אייגענטליך אויף אלעמענס ליפען, נאר קיינער האט נישט דעם מוט עס עפענטליך ארויסצוזאגען און מכל שכן עס אדורכצופיהרען אין לעבען.

איך מיין וועגען דעם מבול פון געזעלשאפטען, וואס האבען זיך לעצטענס מתרבה געווען, וועלכע מאטערען זיך פאר זייער עגזיסטענץ און יעדע געזעלשאפט בעזונדער איז בעדראהט מיט אונטערגעהן.

איך וועל נאר אלס ביישפיעל נעמען עטליכע אינסטיטוציעס:

אויפ'ן ספארט געביעט עגזיסטירען ביי אונז דריי געזעלשאפטען: יודישער ספארט-און טורן-פעראיין, „ווארטא" און „אסכלה", אויסער פראלעטארישע ספארט-קלובען.

אט די דאזיגע דריי קליבען פיהרען זייערע זעלבסטשטענדיגע טעטיגקייט. יעדע האלט אויס אנ'אייגענעם לאקאל, אינדערצייט ווען אלע דריי אינסטיטוציעס פיהרען איינאינדיזעלבע ארבייט. וואלטען די דריי געזעלשאפטען נישט געקאנט זיין פעראייניגט און ארבייטען געמיינזאם אין איין לאקאל? מען וואלט נאר געדארפט גרינדען סעקציעס, וואס זאלען טהון יעדע איהר ארבייט בשלימות. דערפאר אבער וואלטען די אויסגאבען געווען קלענערע. זייער עגזיסטענץ און אויפגאבע פון דער פיזישער ערציהונג צווישען די יודישע יוגענד וואלט געפיהרט געווארען זיכערער, און מען וואלט נישט געדארפט זיך אנשטרענגען מיט פערשידענע טאנץ-אימפרעזעס, וועלכע ווערען געמאכט אבי נאר צו דעקען דעם לאקאל, וואס איז אין סכנה יעדען טאג, אז מען זאל איהם פערלירען.

נאך ערגער איז מיט די קולטורעלע אינסטיטוציעס. איך וועל נאר נעמען די דריי געזעלשאפטען: „לירא", „זש. ט. ק." און די לינגוויסטען. פעראיינען, וועלכע קאנען זיין צוזאמען אין איין געזעלשאפט, אין איין לאקאל און יעדע ספקציע קאן זיך טהון איהר ארבייט.

היינט אבער האט די „לירא" וואס פערנעמט זיך נאר מיט געזאנג און מוזיק אנ'אייגענעם לאקאל, וועלכער קאסט איבער 200 זל. א חודש און מוז דאס געלד זוכען אין „דאנסינגס" און „שווארצע קאווס". און אנשטאט איינצוקויפען אינסטרומענטען און זיך פערנעמען מיט איהר אייגענטליכער אויפגאבע, איז מען פערנומען נאר מיט דער דירה פראגע, מיט'ן דירה געלד אויף וועלכען מען פערטאכלעוועט די ענערגיע.

דאס זעלבע איז מיט'ן זש. ט. ק. וועלכע צעהלט א היסעל מיטגלידער. דער חודש'ליכער אבצאהל קען אבער נאך נישט סטייען אויף אויסצוהאלטען אנ'אייגענעם לאקאל.

אויך די לינגוויסטען האבען זיך געשאפען אנ'אייגענעם קלוב, וואס קאסט שווערע געלדער א חודש און מען מוז אויך פיעל טראכטען, אז מען זאל קאנען בעצאהלען דאס דירה געלד.

אויך אין נארמאלע צייטען, וואלטען אזעלכע צו זיך עהנליכע אינסטיטוציעס געקאנט און געדארפט צוזאמען ארבייטען. און מכל שכן אין דער היינטיגער אויסערגעוועהנליך שווערער צייט איז דאס א געבאט פון דער שעה, אויב מען מיינט פאקטיש ערנסט מיט די דאזיגע געזעלשאפטען.

מען קען נישט און מען טאר נישט יעצט אין אזא צייט זיך דערלויבען אויף עקספערימענטען, וואס זענען פון פאראויס בעשטימט אויף א זיכערען דורכפאל.

זאלען די געזעלשאפטליכע טהוער פון די אויבענדערמאנטע פעראיינען זיך פערטראכטען וועגען דאזיגען פראיעקט און איהם נעמען אויפ'ן טאגארדנונג פון זייער פערוואלטונגס-זיצונג און עס אדורכפיהרען אין לעבען.

אין א צייט פון א סכנה מוז מען זיך אבזאגען פון לאקאלען פאטריאטיזם אדער פון טראדיציעס.

עס איז א פראגע פון עגזיסטענץ אדער אונטערגאנג, דארף מען אויסקלויבען דאס מיטעל, וואס קאן ראטעווען.

מען דארף זיך וועגען דעם זעהר ערנסט פערטראכטען!!!

ש. פראנק.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

עס הויבט זיך אן דער יריד.

מיר האבען שוין דאנקען גאט המנ'ען אריך אויפגעהאנגען, כאטש איך ווייס נישט צי יענער המן בן המדתא פון דער מגילה איז געווען באמת אזוי געפעהרליך פאר'ן ביסעל יודען, דאכט זיך, אז מיר האבען היינט גרעסערע המנ'ס און פונדעסטוועגען עסט מען נישט קיין קרעפלעך צוליעב זייער מפלה.

נאר גארנישט, יודען ווילען מאכען פון המנ'ס מפלה א יום - טוב, זאל עס זיי וואויל בעקומען... הלוואי וואלטען מיר געמאכט נאך יעדען המנ'ס מפלה יום-טובים, וואלט עס געווען א סגולה צו דער ארבייטסלאזיגקייט... ווארום א דאנק אונזערע ימים-טובים האט נאך דאס לעבען א זין, זענען מיר בעשעפטיגט, האט מען זיך ביי וואס צו רייסען און די פאר יאהר געהן אדורך אביסעל אינטערעסאנטער...

דער חומש דערצעהלט, אז אמאל זענען יודען געווען אין מצרים, זיי האבען דארט געארבייט ליים און ציגעל (דו הערסט דאס אומגליק? הלוואי וואלטען מיר היינט געהאט וואו צו ארבייטען, מעג עס זיין ביי ציגעל און ליים...) איז געקומען דער גרויסער נאציאנאלער העלד משה און האט אנגעטהון פרעה'ן אזוי פיעל צרות, ביז ער האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אין משך פון 24 שעה זאל זיך קיין איין יוד נישט געפונען אין די גרעניצען פון מצרים.

די יודען, וועלכע טהון אלץ בחפזון האבען געכאפט די פיס אויף די פלייצעס און האבען זיך נישט פריהער אנגעגרייט קיין ברויט אויפ'ן וועג, נאר האבען אנגעבאקען עגות, מצות. און אט פון דעם איילעניש איז פון די מצות איז אונז געבליבען אנ'אייביגער אנדענקען, וואס מיר, אונזערע קינדער און אונזערע אייניקלעך וועלען זיך האבען צו קאפען עד סוף כל הדורות...

אקעגען וואס דערצעהל איך אייך, אקעגען דעם, וואס מיר שטעהן שוין הארט פאר פסח, ווען מען מוז עסען מצות.

און מצה זו, די דאזיגע מצות שטעהען איין נאר אין יודישע הענד, א עכט-יודישע פראדוקציע און אויב אזוי איז עס אנ'ענין, וואס מען מוז אביסעל ביי דעם שוויצען.

און אין דער קהלה קומען פאר שוין א גאנצע וואך זיצונגען, אונטערהאנדלונגען, קאנפערענצען מכח דעם לחם עני, די מצות, וועגען דער קמחא און די שטילקייט וואס האט געהערשט אין דער קהלה עטליכע חדשים כסדר, איז איבערגעריסען געווארען און דער יריד הויבט זיך אן.

בין השמשות.

כדי אנצופיהרען מיט דער דאזיגער אקציע האט דער פרעזעס פון דער אלטער קהלה צונויפגערופען די פערוואלטונגס-מיטגלידער פון דער אלטער און אויך פון דער נייער קהלה, די מיטגלידער פון אלטען און נייעם ראט, סך-הכל קנאפע 50 „זקנים", נאר געקומען זענען ביז 20 פערזאן און עס האבען זיך אויסגעמישט „חדשים עם ישנים" אלטע מיט נייע און האבען זיך אוועקגעזעצט ביים טיש צו הערען וועגען וואס דא האנדעלט זיך.

דער פרעזעס עפענט די זיצונג און ערקלערט, אז היות ווי די קהלה געפונט זיך אין א בין-השמשות-צייט, נישט די אלטע מעגען טהון און אויך די נייע דאזארעס זענען נאכנישט בעשטעטיגט און היות ווי דא האנדעלט זיך וועגען דער פסח-אקציע, איז דאס צו שווער פאר איהם אליין אויסצופיהרען, לכן, ווענדעט ער זיך צו די זקני העיר, סיי צו די אלטע, ווי אויך צו די נייע, אז זיי זאלען איהם מיטהעלפען אדורכצופיהרען די אקציע.

דער פרעזעס, ר' שמואל שטעלט זיך אב אויף דער גאנצער אקציע און פאר די אויגען טאנצען אדורך בעקער מיט א צעך, וואס ווארטען א גאנץ יאהר אויף דער מצה-אקציע, כדי אבצולעקען א ביינדיל, א פראפעסיאנעלער בעקער-פעראיין, וואס לעבט א גאנץ יאהר און הונגערט באדיי און נעמט עס פאר ליעב חלומ'ענדיג וועגען דעם, אז עס איז דא א פסח אויף דער וועלט ווי יודעלעך מוזען עסען מצה און ער וועט זיך כאטש איינמאל אין יאהר אבעסען צו דער זאט. דאן די קמחא-נעמער, וואס זענען היי - יאהר אויסגעוואקסען אין ריזיגע מאסען, אזוי, אז נישט נאר בין-השמשות'דיג ווערט פאר די אויגען, נאר עס ווערט טאקי פינסטער...

עס רעדען די דאזארעס און יעדער וויל עפעס מחדש זיין, נאר פון אלע רעדעס און פראיעקטען ווערט נאך מעהר בין-השמשות'דיג, עס רעדט א פארשטעהער פון די בעקער (אויך א דאזאר) און עס ווערט נישט ליכטיגער פאר די אויגען, עס וויל איבערצייגען א פארשטעהער פון פראפעסיאנעלען בעקער-פעראיין (אויך א דאזאר) און עס פיהלט זיך ווידער נישט היימליך. אזוי זענען זיי געזעסען עטליכע אווענדען כסדר ביז שפעט אין דער נאכט אריין, מיט קאנפערענצען, מיט בעראטונגען און אונטערהאנדלונגען, דערווייל איז אבער נאך גארנישט געווארען. קיין קמחא איז נישטא פון וועמען צו נעמען, די מצות וועלען גאר ביליג נישט זיין און איבערהויפט איז דאס גאנצע לעבען און ווער שמועסט דער יום-טוב פון חירות, דער בעפרייאונגספייערטאג איז איינגעהילט אין א נעבעל פון דאגות און צרות. עס איז דער ריכטיגער בין השמשות!

די פראוואקאציע פון דער עלעקטראווניע.

און ווידער האבען מיר בייגעוואוינט א גרויסע פערזאמלונג פון די געגען עלעקטראווניע קעמפער.

דאסמאל האט מען צו אונז אראבגעבראכט דעלעגאטען פון די שטרייקענדע שטעדט ווי קעלץ, פיעטרקאוו, טאמאשאוו און ראדאמסק און יעדער רעדנער האט אונז אגיטירט אויף זיין שטייגער, אז מיר זאלען זיך האלטען סאלידאריש ביז'ן ענדגילטיגען נצחון און הויכע קלינגענדע פראזען האבען זיך געשיט איבער'ן זאל, וועלכע זענען אונטערגעכאפט געווארען פון עולם.

דאס עלעקטרישע ליכט איז ערפינדען געווארען—דונערט דאס קול פון א רעדנער—און האט געהאט די אויפגאבע צו בעלויכטען דעם פינסטערען קעלער פון דעם ארימען ארבייטער און דאס עלעקטרישע ליכט זאל ווערען פערוואנדעלט אין א קווארץ-לאמפ, אז דארט, וואו די ליכטיגע זון קען נישט שיינען, זאל דאס עלעקטרישע לעמפיל עס פערטרעטען. און איצט איז געקומען דאס אויסלענדישע קאפיטאל, די בעלגיער און האבען עס אריינגעכאפט אין זייערע הענד און דריקען דעם ארימען פוילישען בירגער. הא, דאכט זיך שעהנע ווערטער.

עס רעדט דעפוטאט פיעקארסקי זעהר זאכליך. פון מלוכה-שטאנדפונקט דארפען די פוילישע בירגער זיך בעפרייען פון אויסלענדישען קאפיטאל. ווער געגנער איז שטארק און דעצידירענד, מען מוז האבען געדולד און אויסדויער, ער העצט נישט, נאר רעדט צום פערשטאנד און דערפאר טאקי ווירקט עס. דאן שטעלט ער זיך אב אויף דער פראוואקאציע פון דער עלעקטראווניע, וועלכע האט ארויסגעגעבען א קאמוניקאט, אז זי וועט אריינמאכען די שויבען, וואס וועלען ווערען אויסגעהאקט און גלייכצייטיג שיקט זי אונטער מענשען, וואס זאלען האקען די שויבען, כדי זי זאל זיך קענען ווענדען צו דער רעגירונג נאך אנ'אינטערווענץ.

דערביי שוינט ער נישט די פרעסע, וועלכע דריקט פאר א פאר גראשען די קאמוניקאטען פון דער עלעקטראווניע און מוז צוליעב דעם האלטען דאס מויל (גאלדענע ווערטער). אויך האט דיזעלבע פרעסע—רעדט ווייטער דעפ. פיעקארסקי—אבגעדרוקט א צווייטע פראוואקאציע פון דער עלעקטראווניע, אז ער און דעפוטאט בילוכאווסקי זאלען האבען ערקלערט, אז זיי סאלידאריזירען זיך נישט מיט דעם באיקאט. פראוואקאציע! פראוואקאציע!—שרייט אויס דער דעפוטאט.

הקצור, דער סוף פון דער דאזיגער בעריכטס - פערזאמלונג איז געווען, אז מען מוז ווייטער שטרייקען, מען טאר דערווייל נישט בענוצען די גרויסע ערפינדונג, וואס איז געשאפען געווארען לטובת דער מענשהייט, צוליעב דעם שלעכטען ווילען, ציליעב דעם דורשט נאך געלד, וואס די בעלגישע קאפיטאליסטען האבען און אונז צוליעב דעם פערשקלאפט.

אריסטאקראטיע און דעמאקראטיע

דער „דאבראטשיננאשטש" איז אפילו א געזעלשאפט, וואס צו איהר קען גע-

נייע קליינע ערפינדונגען.

צוגעשיקט פון לייפציגער יריד **ז. האבער.**

אויף דער לייפציגער מעסע ווערען שטענדיג געזעהען נייעסען, וועלכע זענען וויכטיג פאר אונזער טעגליכען לעבען. עטליכע גרויסע קליינינקייטען וועל איך דא דערמאנען.

וואסערדיכטע קליידער.

אז מ'קען שטאפען אזוי ווייט אימפרעגנירען, אז זיי זאלען נישט אדורכלאזען דאס וואסער איז אן אלטע זאך, אבער די שטאפען מוזען שוין בשעת דעם וועבען פעראַרבייט ווערען כעמיש, זיי זאלען נישט אדורכלאזען די נעץ. אויפ'ן יעצטיגען לייפציגער יריד האט א פירמע פון דייטשלאנד אויסגעשטעלט אזא כעמישען פרעפאראט, וואס רופט זיך „אימפרעגנאל". אט מיט דער פליסיגקייט קען מען אנשמירען אלע חפצים, שטאפען, שיך, קאפעלושען, הענטשקעס און בכלל אלץ וואס מיר ווילען און תיכף ווערען די חפצים „וואסערדיכט". זיי לאזען באין אופן נישט דורך קיין רעגען. אויף אזא אופן קען מען יעדען בגד אנטהון און דערמיט געהן אויפ'ן רעגען, עס וועט איהם גארנישט שאדען און מ'בלייבט שטענדיג טרוקען.

נייע אויטאמאטען.

צומייסט זענען פערשפרייט אויף דער וועלט די אויטאמאטען, וועלכע גיבען ארויס צוקערלעך און שאקאלאדען. אין די גרויסע שטעדט זענען שוין אויך איינגעפיהרט אויטאמאטען אויף ציגארעטען, אויף פאסט-מארקען און אויך אנדערע. יעצט ברענגט א פירמע אן אויטאמאט, פון וועלכען מ'קען בעקומען נאדעל-פאדעם פון אלערליי פארבען, א פינגערהוט און בכלל אלץ וואס מ'דארף צום נייהען. עס וועט שוין מעגליך זיין וויבאלד עמיצען רייסט זיך אב למשל א קנאפ פון זיין ראק, זאל ער זיך פון אן אויטאמאט נעמען שווארצען גארן מיט א נאדעל און א פינגערהוט און ער קען דעם קנאפ תיכף אננעהען. נישט-בעווייבטע מענער וועלען דעם אויטאמאט זיכער שטארק בעגריסען.

מיטלען צו פוצען גלעזער.

ביז-יעצט האט מען געמוזט, וועלענדיג פוצען גלעזער, קודם-כל זיי בעשמירען מיט אזא פאסטא אדער זייף, דערנאך האט מען זיי אביסעל געריייניגט, דערנאך האט מען ערשט גאנץ ריין געמאכט די גלעזער, איצט האט מען אין לייפציג אויסגעשטעלט א מיטעל מיט וועלכען מ'קען גלעזער, שפיגלען, מארמאר, פארצעלאן, עמאיל תיכף אבפוצען און גלאנצען אהן שום קרייד אדער פאסמא. עס ווערט אויף א שטיקעל אנגעשמירט און בלויז דורכגעריבען און דער חפץ, איז גערייניגט און גלאנצט שוין פונקט ווי פריהער, ביי וועלכען מען האט געמוזט ארבייטען א לענגערע צייט.

א ברען-שער פאר דאמען.

האט א דאמע געמאכט ערגיץ א נסיעה האט זי געמוזט מיטנעמען די ברענשער אין א בעזונדער פעקיל. אויף דעם לייפציגער יריד איז אויסגעשטעלט געווארען א ברענשער, וועלכע מ'קען צונויפלעגען ווי א מעסעריל און טראגען מיט זיך אין טעשעלע. די מעלה איז נאך, אז צונויפגעלעגט האלט די שער די היץ עטליכע שעה, ס'איז בכן מעגליך, ווען א דאמע געהט אין טעאטער אדער צוגאסט, זי זאל דערנאך ווען זי טהוט אויס דעם הוט, מיט איהר שער, וועלכע איז הייס און זי טראגט אין טעשיל, זי זאל זיך ריכטען די האר ווי זי וויל — די דאמען וועלען אט דאס שעריל זיכער בענוצען אומעטום.

א קליינע הויז-דרוקעריי.

א דרעזדענער פירמע האט אויפ'ן לייפציגער יריד אויסגעשטעלט א טיפ פון א קליינער דרוקעריי, וועלכע איז זעהר ביליג און לייכט צו געברויכען, בעזונדערס איז זי וויכטיג פאר די וואס בענויטיגען פיעל קליינע דרוקזאכען, ווי צעטלעך, עטיקעטען, אדרעסען-שטרייפען און פאסטקארטען. אויך בריעף-פאפיר לאזט זיך דערויף דרוקען מ'קען דערצו בעקומען זעהר ביליג אלערליי טיפען און יעדער קען אין א גאנץ קורצער צייט אבדרוקען אלערליי דרוקזאכען, וועלכע ער בענויטיגט. אויך פאר פעראיינען, וואס בענויטיגען איינלאדונגען, מודעות און קליינע האנדפלאקאטען איז דער ביליגער אפאראט זעהר גוט.

צוליעב: „וועניג אידעא און א סך פאליטיק"...

אין לעצטען נר. „טשענסטאכאווער צייטונג" ווענדעט זיך דער ה' בן חיים צו דער ארטיגער קרן-קימת-קאמיסיע מיט אן אנפראגע „פארוואס ארדענט מען נישט איין אין טשענסטאכאוו קיין קרן-קימת-באזאר?":

אלענפאלס האט נישט געדארפט קומען דערצו דאס מען זאל ערשט אויפמערקזאם מאכען די קרן-קימת-קאמיסיע, אז זי זאל איינארדנען א באזאר. איך גלויב, אז וועגען דעם האט דער ארטיגער קרן-קימת בעשטימט דערהאלטען אינסטרוקציעס פון צענטראל-ביורא פון קרן-קימת אין ווארשא.

בעזונדער האנדעלט זיך נישט בלויז וועגען א באזאר, עס האנדעלט זיך בכלל וועגען דער קאארדינאציע פון דער גאנצער ציוניסטישער ארבייט אין טשענסטאכאוו, וועלכע איז לעצטענס אזוי פערוואָרלאזט, אז עס איז ווירקליך נישט צו פערגלייכען טשענסטאכאוו מיט אנדערע שטעדט, אין דער צייט ווען „מיר" האבען אזעלכע אספיראציעס אז טשענסטאכאוו זאל פאקטיש ווערען א „פעסטונג" פון... ציוניזם, דען מיר האבען דאך א גרויסע צאהל ציוניסטישע פרנסים און דאזארעס.

דער אויספיהרונגס-ארגאן פון אלע פראקטישע ציוניסטישע ארבייטען זענען שטענדיג געוועזען די ציוניסטישע יוגענד-ארגאניזאציעס, וועלכע זענען נאך היינט צו טאג גענוג טעטיג ביי אינז אין טשענסטאכאוו, אבער די איניציאטיוו, די לייטונג, דער איינפלוס, און די פעראנטווארטליכקייט האבען מיר שטענדיג געהאט פון די ציוניסטישע פאקטארען פון דער עלטערער געזעלשאפט. נעמליך: פון פילסודסקי 13.

עס האנדעלט זיך נישט אין קיין סך פערזאנען. עס איז גענוג צו האבען א לייטענדע אויטאריטאטיווע פערזענליכקייט, וועלכע זאל אנפיהרען מיט'ן ארטיגען ציוניזם און אויך מיט'ן קרן-קימת, אזוי ווי עס איז געווען דער ציוניסטישער עסקן נ ת ן ג ע ר י כ ט ע ר ז"ל, וועלכער האט זיך געאפפערט פאר'ן ציוניזם און פאר וועלכען די גאנצע ציוניסטישע יוגענד איז געווען גרייט זיך מקריב צו זיין. אט אזא פערזענליכקייט פעהלט אונז און דעריבער איז דער היגער ציוניזם געווארען א פאליטישער געגענשטאנד פון קאמף פאר „פרעסטיזש", אהן יעדע רעאלע ציוניסטישע טעטיגקייט.

דער „קרן-קימת" איז דאך ביי אונז די איינציגע נאציאנאלע אינסטיטוציע, וועלכע האט א ברייט פעלד פאר טאגטעגליכער ציוניסטישער ארבייט. עס איז דאך דא גענוג געלעגענהייטען איינצוארדנען פערשיעדענע אימפרעזען, ווי צ. ב. ארץ-ישראל-אקאדעמיעס פון צייט צו צייט, און פארוואס איז אויך נישט איינגעארדענט געווארען אן אקאדעמיע אין צוזאמענהאנג מיט'ן 50 יעהריגען יובל פון „חובת-ציון" און „בילו", נאר אבגעקומען בלויז מיט א טריקענעם א ו י פ ר ו ף. פארדאן! מיט אונטערשריפטען... און דאס איז אלץ.

אזוי האלט מען אין איין מאנפעסטירען די נאציאנאלע געפיהלען...

מעגליך, אז אויך אין דעם זענען שולדיג די „פערטרעטער", זיי האלטען דאך אין איין שטערען... און זאגען דעם אמת.

ל. קאפינסקי.

וועגען א ק. ק. ל. באזאר אין טשענסטאכאוו.

אין לעצטען נומער פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג" איז אויף איהרע שפאלטען בעריהרט געווארען דער בעגריסונגס-ווערטער פראיעקט וועגען איינארדנען אין אונזער שטאדט א באזאר פאר'ן ק. ק. ל.

דער פראיעקט איז אגב נישט קיין נייער, מען האט וועגען איהם שוין גערעדט און מען רעדט נאך ווייטער אין די קרייזען פון דער היגער ק. ק. ל. קאמיסיע, נאר דאך האט מען זיך גישט געקענט בעשליסען צוצוטרעטען צו דער אונטערנעהמונג.

מיר וויסען גוט, אז מען דארף זיך שעהמען, ווארום פיעל קלענערע שטעדט האבען איינגעארדענט באזארען, וועלכע האבען געהאט דעם בעסטען ערפאלג, אבער מיר האבען ליידער קיין געזעלשאפט און קיין מענשען. אפשר איז נישט אלעמען בעקאנט, אז די היגע ק. ק. ל. קאמיסיע בעשטעהט אויסשליסליך פון יוגענד (פערטרעטער פון אלע ציוניסטישע יוגענד ארגאניזאציעס), וועלכע מוז זיך בעגרעניצען מיט דער טעגליכער ארבייט ווי: הרקה, מפעלים, נדרים, א. א. וו. און די עלטערע, די ערפארענע? זיי עגזיסטירען לגמרי נישט. עס זענען פערהאנען בעלי-בתים וועלכע דערלאזען אז די אפפערווילליגע יוגענד זאל „קריכען" צו זיי צעהנדליגער מאל וועגען א קלייגעם נדר. (ביז היינט האט מען נאכנישט איינקאסירט די נדרים פון יום-כיפור).

מיר האבען דא ציונים, ציוניסטישע פרויען, אבער ווען מען פערבעט זיי אויף א פערזאמלונג קומען סך-הכל 3—5 פערזאן נאך א 2-שעה'דיגער פערשפעטיגונג און צוליעב דער דאזיגער אפאטיע איז היגע נישט פארגעקומען קיין יובל-אקאדעמיע, קיין ביל"ו און חובבי-ציון אקציע. עס ווארט נאך אויף אונז די נישט - אדורכגעפיהרטע אקציע פון איינשרייבען דעם מורשה פון קק"ל ר' נתן געריכטער ז"ל אין גאלדענעם בוך פון קק"ל. און וואו איז די בעציהונג צו די שוין-עקזיסטירענדע קק"ל געלד-קוועלען? אויף 30,000 יודען זענען אין שטאדט פערשפרייט 500 (!!) פושקעס פון וועלכע אפשר א טייל גיבען פעריאדישע איינקונפטען, א. ט"ו בשבט אדער חנוכה-אקציע ברענגט ביז 150 זל. אט דאס איז דער אמת, א טרויעריגער אמת.

מיט אזאלכע קרעפטען קען מען קיין באזאר נישט אויפשטעלען, מען דארף מענשען ערפאהרענע, טעטיגע ציוניסטען און ציוניסטישע פרויען.

און ווען מען וועט פרובירען זיי צו רופען אויף א פערזאמלונג, כדי אנטייל צו נעמען אין דער ארבייט, דאן פון 100 פערבעטענע אויף 8 אווענד, וועלען האלב 10 א זיינער זיך פערזאמלען גאנצע דריי עסקנים, אין אזא „ציוניטטישע" שטאדט פון „אזעלכע" ציוניסטישע טהוער קען מען קיין באזאר נישט איינארדנען.

איין זאך איז אונז יונגע געבליבען—האפנונג, אז דער מצב וועט זיך אפשר ענדערן, אבער ווען, מתי?

ש. א.—ג.

א מיטארבייטער פון
דער ק. ק. ל. קאמיסיע.

דאנקזאגונג.

זעהר געעהרטע הערען!

עטליכע יאהר האב איך שטארק געליטען אויף רעוומאטיזם, וואס איך האב בעקומען אין דער וועלט-מלחמה, און דערנאך, דיענענדיג אין דער פאליציי אין לאדז 13 יאהר, האט זיך דער רעוומאטיזם פערשטארקט. כ'האב געמיינט, אז ס'איז נישטא פאר מיר קיין הילף, ווייל איך האב שוין אלע מיטלען אויספרובירט. אדורכקוקענדיג אבער אנ'ארטיגע צייטונג האב איך געפונען א אנאנס וועגען א גוט מיטעל טאגאל. איך האב ריזיקירט און געקויפט א פודעלע טאגאל און דערנאך א צווייטעס און כ'האב דערפיהלט א פערלייכטערונג. זעהענדיג, אז דאס איז פשוט א אידעאל מיטעל האב איך געקויפט נאך 2 פודעלעך און היינט פיהל איך זיך גוט און כ'האב נישט קיין לויב-ווערטער פאר דעם אידעאלען מיטעל געגען רעוומאטיזם, וואס איך עמפפעהל יעדען ליידענדען.

מיט אכטונג: יאן ראיעווסקי

לאדז, וויסאקא 33.

הערען יעדער, וואס פערשרייבט זיך אלס מיטגליד און דאך האלט מען עס פאר א פעסטונג פון דער אריסטאקראטיע און אויף איהרע אלגעמיינע פערזאמלונגען קומען נאר עטליכע געצעהלטע פערזאן, וואס בילדען גלייכצייטיג די פערוואלטונג, זעלטען ווען עס קומען נאך אנדערע, וואס געהערען נישט צו דער לייטונג.

אויף זייער לעצטע אלגעמיינע פערזאמלונג, וואס איז פארגעקומען פערגאנגענעם זונטאג זענען געקומען די פערוואלטונגס - מיטגלידער און נאך 2 וואס געהערען צו דער „מאסע". מילא, וועגען דעם יאמער-געשריי, וואס האט זיך געלאזט הערען, אז אלע קוועלען פון הכנסות האבען זיך אויסגעלאזט און אזא ריזיגע אינסטיטוציע ווי דאס מושב זקנים און יתומים-הויז, די אבראגקע, די קאלאניעס אז"וו געהן אונטער וויל איך אייך נישט דערצעהלען, ווארום דאס ווייסט איהר אלע אליין גוט, דאס אינטערעסאנטסטע איז, וואס אויף דער דאזיגער פערזאמלונג פון די אריסטאקראטען האט זיך געהערט א שטימע פון א מיטגליעד, אז מען דארף אריינוועהלען אין דער פערוואלטונג נייע מיטגלידער, פריש בלוט, מיט איין ווארט, די געזעלשאפט צו דעמאקראטיזירען.

ויהי כשמועם, ווי די אריסטאקראציע האט געהערט וועגען דער דעמאקראציע האט זיך געמאכט א ויצעקו וואס פאר א דעמאקראטעך אינמיטען דרינען, וואו האסטו די דעמאקראציע, אדרבה, זאלען זיי קומען, איבערהויפט יעצט, ווען מען דארף אויף אייגענע כוחות אויסהאלטען אזעלכע ריזיגע אינסטיטוציעס — זאלען זיי קומען אייערע דעמאקראטען, די האנדווערקער — האבען זיך געהערט שטימען, דער פראיעקט-געבער האט זיך טאקע דערשראקען און האט צוריקגעצויגען דעם פארשלאג און עס איז געבליבען, אז די אריסטאקראטיע האט געזיגט.

מיין מיינונג איז, אז ליידער איז שוין היינט אין „דאבראטשינאשטש" איבערהויפט נישטא קיין אריסטאקראטען, אלע ווערען זיי דעמאקראטען...

אבגענארטע האפנונגען.

די סוחרים פון אלע בראנזשעס האבען געהאפט, אז ווי דער קריזיס זאל נישט זיין גרויס, אבער פאר די קריסטליכע חגאות וועלען זיי דאך עפיס לייזען, נאר ליידער איז שוין די אזויגערופענע גאלדענע וואך אויך אוועק און מען האט כמעט ווי גארנישט געלייזט.

די בעלי-מלאכות, וואס האבען א גאנצ'ן ווינטער נישט איינגעפעדימט די נאדעל האבען געטראכט, אז פאר יום-טוב וועלען זיי כאטש אביסעל ארבייט האבען, אבער ליידער, עס איז שוין כמעט קיין גאנצע 4 וואכען צו אונזער יום-טוב, צום פריהלינגס-יום-טוב און מען ארבייט ווייטער נישט. און אויב עס טרעפט זיך שוין יא א שטיקעל ארבייט איז עס אויך נישט פאר קיין מזומן.

עס איז נישטא קיין אנדערע ברירה.

אויף דער לעצטער פערזאמלונג פון די עלעקטריע קאנסומענטען, האט א דעלעגאט פון טאמאשאוו דערצעהלט, אז זיי האבען א שטרייק-ברעכער בעשטראפט מיט דעם, וואס זיי האבען ארויסגעצאנגען איבער די גאסען קלאפסידרעס, אז דער און דער איז „געשטארבען" פאר דער געזעלשאפט און די היגע געזעלשאפט האט בדעה אנצוווענדען דעם אריגינעלען מיטעל.

כוויס נישט, מעגליך, אז זיי האבען רעכט, ווייל קיין אנדערע ברירה האבען זיי נישט. און איצט צו דער זאך.

איך ווענדע זיך צו אייך יודישע בעקער פון צעך, וועלכע ווילען אויסבאקען די מצות, אז זיי זאלען בענוצען צום מצות אויסבאק אויסשליסליך יודישע ארבייטער. איך אנערקען נישט קיין שום תירוצ'ן היות, ווי מיר ווערען אומעטום איגנארירט, והיות אונזערע טויזענדער ברידער און שוועסטער זענען ארבייטסלאז און היות והיות, ווי מצות אויסבאקען איז א ריין יודישער ענין, מוזען ביי דעם זיין בעשעפטיגט אויסשליסליך יודישע ארבייטער. ווען נישט בין איך מודיע למפרע, וועל איך טהון דאס זעלבע, וואס דער פעראיין פון די עלעקטראווניע קאנסומענטען, איך וועל מאכען נעקראלאגען.

פאראיאהרען האב איך אדורכגעלאזט. היי-יאהר וועל איך עס מאכען אהן יעדע ווארנונג.

קיין אנדערע ברירה איז נישטא.

א סאטיספאקציע.

ווי בעקאנט, לעזען אונזערע יודישע טעכטער נישט קיין יודיש און האבען איבערהויפט נישט קיין אהנונג וועגען דער יודישער ליטעראטור, יודישע היסטאריע א. א. וו. און ווען מען שמועסט זיך צונויף מיט אזא פרייליין ענטפערט זי באלד, אז: ניעסטעטי, פא זשידאווסקו קען זי נישט, באשר מען האט זי נישט געלערנט.

א שטיקעל אמת ליגט דערינען. אונזערע עלטערען, וועלכע שרייען אזוי פיעל וועגען קיום ההדות און זענען זיך גרייט מקריב צו זיין כלומרש'ט פאר'ן יודישען פאלק, פיהרען אליין זייערע קינדער צו אסימילאציע.

ווייס איך שוין, אז ווען איך בעגעגען זיך מיט א פרייליין, קען איך מיט איהר רעדען וועגען אלעם אבער נישט וועגען דעם, וואס האט א שייכות צו יודישע ליטעראטור, האב איך טאקי געהאט א שטיקעל סאטיספאקציע.

אין „מעטראפאל" איז עס געוועזן. ביי א טישעל זיצען עטליכע יונגע-לייט מיט פריילינס ביי א גלעזעל קאווע. ווען איך בין אריין אין קאפע, האב איך בעמערקט ווי איין פרייליין איז אויפמערקזאם אויף מיר און באלד טאקע איז צוגעקומען א יונגערמאן און מיך צוגעבעטען צו זייער טישעל. נאכדעם, ווי מען האט מיך פארגעשטעלט פאר די געזעלשאפט, רופט זיך אב צו מיר א פרייליין, אז זי איז זעהר צופרידען זיך צו בעקענען מיט'ן שרייבער פון „וואס געהערט וואס געזעהן" פון וועלכען זי איז א הייסער חסיד.

איך האב זיך שטארק געוואונדערט, וואס? פרעג איך, איהר לעזט א יודישע צייטונג, לויט אייער אויסזעהן מאכט איהר דאך דעם איינדרוק פון א אינטעליגענטע פרייליין? איבערהויפט הער איך, אז איהר רעדט שוואך יודיש, טא ווי קומט עס? אמת — זאגט זי — איז, אז איך בין ערצויגען געווארען אזוי ווי אלע יודישע טעכטער אויף דער פוילישער ליטעראטור, נאר היות ווי ביי אונז אין שטוב לעזט מען די „טשענסטאכאווער צייטונג" האב איך זיך איינציגווייז אויסגעלערנט לעזען יודיש און אזוי כסדר לעז איך אייער צייטונג און איבערהויפט — מאכט זי מיר א קאמפלימענט — לעז איך זעהר גערן אייער „וואס געהערט, וואס געזעהן". און באלד דערצעהלט זי מיר פערשיעדענע ציטאטען פון דעם וואס זי האט געלעזען.

איך האב זיך שטארק געוואונדערט, אבער דאך האב איך געהאט א שטיקעל סאטיספאקציע, אז דאס זעהר סימפאטישע פרל. לענא ר. לעזט א יודישע צייטונג. הלואי אלע חסידישע און יודישע טעכטער געזאגט געווארען.

מיט מאסקעס — אהן מאסקעס.

די לעצטע יאהרען האט די יודישע יוגענד זיך ערלויבט פורים אנצוטהון מאסקעס און שפאצירען איבער די גאסען.

אמאל האט מען פורים אנגעטהון מאסקעס נאר, ווען מען האט געוואלט צונויפקלייבען א פאר גראשען און כדי מען זאל נישט פערשטעהן בלייבען האט געדיענט די מאסקע.

דאס היינריגע יאהר האט מען אין גאס וויינינגער מאסקעס בעגע-[illegible], ווייל קיין מאסקע איז נישט נויטיג, ווארום אראבגעריסען איז די מאסקע פון פנים, קיינער דארף זיך נישט פערשטעלען. נאקעט און אפען שפאצירט די ארימקייט אין גאס און קיינעם וועט דאס פנים נישט רויט ווערען פאר חרפה, בעטענדיג א גמילת-חסד'ל אדער א נדבה.

אמת, עס איז נאך פערהאן א קליינע צאהל וואס טראגט די מאסקע, דאך אנ'אלטע געוואוינהייט, טראדיציע... אבער דאס רוב, די גרויסע מאסע, דיגרעסטע צאהל סוחרים, פאבריקאנטען און גלאט מענשען געהן שוין היינט אהן מאסקעס.

אויס פורים, אויס מאסקעס...

לויתן

ווי האלט עס מיט דער מצה-אקציע אין טשענסטאכאוו?

פערגאנגענעם שבת-אווענד איז אין קהלה-לאקאל פארגעקומען א גרויסע פערזאמלונג געווידמעט דער הייריגער מצות-פראגע.

צו דער פערזאמלונג זענען געווארען איינגעלאדענט אלע מיטגלידער פון פוריגען און איצטיגען קהלה-ראט און פון די [illegible], פון וועלכע עס זענען געקומען ביז 30 פערזאן.

פרעזעס ה' גאלדשטיין עפענט די פערזאמלונג און ערקלערט, אז עס ווערען אנגענומען מי[טלען], אז די מצות זאלען היי-יאהר נישט קאסטען אזוי טייער, אבער די בעקער וועלכע מען האט גערופען זענען נישט געקומען און געבען נישט קיין קאלקולאציע. ער אפעלירט צו די פערזאמעלטע, אז זיי זאלען איבערנעמען צום ארגאניזירען די הייריגע מצה-אקציע.

עס האט זיך ענטוויקעלט א לענגערע דיסקוסיע, אין וועלכער עס זענען ארויסגעזאגט געווארען פערשיעדענע פראיעקטען, און לבסוף איז אויסגעוועהלט געווארען א מצה-קאמיסיע, וועלכע זאל זיך פערשטענדיגען מיט די בעקער'ס און בכלל מיט אלע איינצעלהייטען וואס זענען נוגע דער אקציע.

אויף מיטוואך אווענד איז ווידער צונויפגערופען געווארען דער גאנצער פלענום, כדי אויסצוהערען דעם בעריכט פון דער מצה-קאמיסיע, וועלכע האט אבגעהאלטען זיצונגען טאג-טעגליך אין משך פון דער גאנצער וואך.

די זיצונג עפענט דער פרעזעס ש. גאלדשטיין, כדי אבצוגעבען א בעריכט פון דער קאמיסיע, וועלכער ערקלערט פאלגענדעס:

די קאמיסיע האט געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט דעם בעקער-צעך וועגען אויסבאק פון מצות און געפאדערט א נעהעריגע קאלקולאציע, וועלכע דער צעך האט נישט געוואלט געבען. דער צעך האט אויך געזאלט שיקען זייערע פארשטעהער צו דער זיצונג, אבער ליידער האט ער עס נישט געפונען פאר נויטיג. אזא ארט בעציהונג פון צעך צו אזא אויטאריטאטיווע אינסטיטוציע ווי עס איז די קהלה מוז שארף געטאדעלט ווערען. אויך פון דעם בריף-אויסטויש, וואס איז געלעזט געווארען אויף דער זיצונג קען מען זעהן די גרינגשעצונג און אויך אין פיעל שטעלען אראגאנטיש ווי צ. ב. דאס ווארט „קמחה", אנרופען „פאדאטעק".

די קהלה האט אויך דערהאלטען אפערטען פון א גאנצע רייהע שטעדט. די ביליגסטע אפערטען האט געגעבען די שטאדט קאליש, אבער עס ליגט דאך נישט אין אינטערעס פון דער קהלה דאס זי זאל שטיצען [illegible] אינדוסטריען ווען זי האט אייגענע, פאר וועלכע מען מוז געוויס זארגען, אבער אלץ מיט א גרעניץ. מען קען דאך נישט צווינגען די פעראָרימטע יודישע בעפעלקערונג דאס זי זאל צאהלען פאר מצות כמעט דאפעלט ווי אין אנדערע שטעדט. מען נעמט אויך אין בעטראכט דאס פון היגען אויסבאק לעבען אנ'ערך 300 פאמיליעס. אין דעריבער איז טאקי בעשלאסען געווארען, אז ס'איז כדאי דאס. מצות זאלען קאסטען מיט 10 גראשען מעהר, כדי דאס געלד זאל בלייבען אין טשענסטאכאוו.

די קהלה טרעט דעריבער צו צום אדורכפיהרען די אקציע, אליין באקען די מצות. זי האט אנגעהויבען צו פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט דעם פראפעסיאנעלען בעקער-פ[אריין], און אויף דעם סמך האט די קהלה מיט דער הילף פון ה' נירענבערג אלס פאכמאן אויר' [אר]בייט פון אפראוויזאציע, דורכגעפיהרט א קאלקולאציע פון וועלכער דער פרייז פון מצות איז פאר-אויסגעזעהען פון 1.10 — 1.20.

וועגען דער גאנצער זאך וועט די קהלה ארויסלאזען אנ'אויפרוף צו דער בעפעלקערונג אין וועלכען זי וועט בעלויכטען דעם גאנצען גאנג פון דער אקציע און וועט זיך גלייכצייטיג ווענדען מיט אנ'אפעל, אז די בעפעלקערונג זאל שטיצען די קהלה אין איהר שווערער אויפגאבע, סיי מאראליש, סיי מאטעריעל. ה' גאלדשטיין פערענדיגט מיט די ווערטער: די בעפעלקערונג דארף זיך מעהר נישט לאזען אויסנוצען פון די יעניגע וועלכע ווילען מאכען א כאאס.

עס ענטוויקעלט זיך דאן א דיסקוסיע אין וועלכער עס נעהמען אנטייל די ה"ה ד"ר מעהרינג, ווײנשטאק, האלטער, וועקסלער וו. זשעריקער, ווארשאווסקי, דזיאלאווסקי א. א.

עס ווערט אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציע אין 2 פונקטען:

1) דער פלענום בעפולמעכטיגט די קאמיסיע צו די אונטערהאנדלונגען מיט דעם פראפעסיאנעלען פעראיין. 2) דער פלענום בעפולמעכטיגט די קאמיסיע ארויסצופיהרען דעם איינקויף פון מעהל.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט „דאבראטשיננאשטש".

פערגאנגענעם זונטאג איז אין לאקאל פון דער יודישער קהלה פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע בעריכטס-פערזאמלונג פון „דאבראטשיננאשטש".

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס ד"ר באמ[...], אלס פארזיצער ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט דיר. סט. פרושיצקי, וועלכער פערבעט אלס אסעסארען ד"ר וואלבערג און אלס סעקרעטאר ה' דאברזינסקי.

נאכ'ן אדורכלייענען דעם פראטאקאל פון דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג גיט ד"ר באטאוויע אב דעם טעטיגקייטס-בעריכט פון פערגאנגענעם יאהר, ווען די ארבייט איז זעהר בעשווערט געווארען צוליעב דעם אלגעמיינעם קריזיס, וואס האט זיך אבגערופען אויף דער טעטיגקייט פון אלע סעקציעס, וואס געהערען צו דער געזעלשאפט.

אזוי האט דער מאגיסטראט, ווי אויך די קהלה נישט אויסגעצאהלט די סובסידיומס פאר דער אכראנקע און יתומים-הויז און אנדערע סעקציעס.

נישט בעסער איז אין שפיטאל, וואו כמעט יעדער דריטער קראנקער ווערט געהיילט אומזיסט, אבער פארט איז דאס פערגאנגענע יאהר נאך געווען צו דערליידען. ערגער איז אבער דאס היינטיגע יאהר, וואו אלע הכנסה-קוואלען זענען פערמאכט און עס איז א גרויסע פראגע ווי אזוי מיר וועלען קענען דערהאלטען די אינסטיטוציע.

נישט קוקענדיג דעריוף—זאגט ווייטער ד"ר באטאוויא—איז די טעטיגקייט נישט שוואכער געווארען, מען דארף נאר אנווענדען אלע מיטלען, אז מען זאל קענען שאפען די נויטיגע הכנסות.

די אלגעמיינע סומע פון בעריכטס-יאהר בעטרעפט 1,008,258,20 זל.

עס נעמען אנטייל אין דער דיסקוסיע איבער'ן בעריכט די ה"ה: דיר. פרושיצקי, י. אימיך, ד. שווארץ, ד"ר וואלבערג, ד"ר היימאן, ד"ראַווע וואלבערג, ד"ר ס. קאהן א"א. אין רעזולטאט ווערט דער בעריכט אנגענומען און עס ווערט אויסגעדרוקט אבסאלוטאריום דער פערוואלטונג.

אויך ווערט בעשטעטיגט דער בודזשעט אויף דער סומע פון 466 970 זלאטעס.

דאן ווערען געוועהלט 6 מיטגלי. ער אין דער פערוואלטונג אויפ'ן ארט פון די אבטרעטענדע. אויפסניי ווערען געוועהלט די ה"ה דר. באטאוויע, ש. גאלדשטיין, פרויען: שטארקע, זארסקא, ווירזביצקא און אויפ'ן ארט פון ה' י. קאהן ווערט געוועהלט דר. וואלבערג. אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע ווערען אויפסניי אויסגעוועהלט די ה"ה ס. סטניאר, ב. קורלאנד און א. גאלדוואסער.

גלייכצייטיג ווערט אויסגעדריקט א דאנק דער רעוויזיאנס-קאמיסיע פאר איהר ארבייט.

עס ווערט אויך אנגענומען דער פארשלאג, אז די פערוואלטונג זאל שאפען א ספעציעלע פינאנץ-קאמיסיע, וואס זאל האבען די אויפגאבע צו שאפען געלד-מיטלען פאר דער אונסטיטוציע.

מען בעט אונז צו בעריכטיגען, אז אין דעם ספעציעל-ארויסגעגעבענעם בעריכט איז אין דער רובריק, וואו עס ווערט אויסגערעכנט די נעמען פון די דאקטוירים, וועלכע ארבייטען אין שפיטאל, איז ארויסגעפאלען דער נאמען פון ד"ר מאריא קאהן וועלכע ארבייט א רייהע יאהרען אין שפיטאל.

קאמוניקאט.

מיר האבען בעקומען צוגעשיקט מיט דער ביטע צו פערעפענטליכען פאלגענדען קאמוניקאט:

די צענטראלע פון דער „פעראייניגונג פון יודישע פריוואטע שול-אינהאבער" איז צוגעטרעטען צו ארגאניזירען ארטיגע אבטיילונגען אויף דער פראווינץ. די פראווינצער שולען זענען איינזאם און האבען אויסצושטעהן זעהר פיעל זארגען אין זייערע בעציהונגען מיט די פערשידענע אמטען, ווי: „זופ", קראנקען-קאסע א"א, אבער אלע ווענדונגען נאך הילף און אנווייזונגען צו דער צענטראלע זענען געבליבען אהן א אבקלאנג צוליעב פארמעלע סבות, ווייל כל-זמן עס איז נישט אדורכגעפיהרט געווארען די פארמעלע רעגיסטראציע פון יעדער ארטיגער אבטיילונג, לויט די פאדערונגען פון סטאטוט איז נישט מעגליך קיין אינטערווענץ מצד דער צענטראלע. יעצט איז די שטערונג בעזייטיגט געווארען: אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון גאנץ פוילען (נישט אויסשליסענדיג די קרעסען) זענען פונאנדערגעשיקט געווארען; דער סטאטוט פון דער פעראייניגונג, א אויספיהרליכען צירקולאר, ווי אויך א גענויע אינסטרוקציע ווי אזוי צו עפנען ארטיגע אבטיילונגען און דורכפיהרען זייער רעגיסטראציע.

עס איז צו האפען, אז די ארטיגע עסקנים וועלען ווי אמשנעלסטען צוטרעטען צו דער ארגאניזירונג פון די אבטיילונגען און אנקניפען בעציהונגען מיט דער צענטראלע. א געוויסע צאהל ארטיגע אבטיילונגען, אמווייניגסטען אין די גרעסערע פראווינץ-שטעדט וועט געבען דער צענטראלע די מעגליכקייט ווי אמשנעלסטען צו ארגאניזירען דעם לאנדעס-צוזאמענפאהר, ווי אויך צוטרעטען צו א גאנצער רייהע אקציעס אויף פערשידענע געביטען.

די שטעדט, וועלכע האבען צוליעב פערזעהען אדער אנדערע סבות נישט ערהאלטען דעם סטאטוט מיט דעם גאנצען בייגעלעגטען מאטעריאל דארפען זיך ווענדען לויט'ן אדרעס:

Zrzeszenie Właścicieli Żydowsk. Szkół Prywatnych, Warszawa Długa 36 m 3

אויף פסח! אויף פסח!
אכטונג ווירטינס!
יעדע ווירטין האט זיך שוין איבערצייגט, אז עטקער'ס באק-פולווערס און פרעפאראטען געבען די בעסטע רעזולטאטען ביים אויסבאקען די פערשידענע געבעקסען. די פירמא
Dr. A. OETKER, OLIWA
וועלכע עקזיסטירט שוין 50 יאהר און איז די בעסטע גאראנטיע און נויטיגט זיך נישט אין רעקלאמע.
אויף פסח האט די פירמע ספעציעל איינגעארדענט אייגענע פון איהרע אויסארבייטונגען ווי:
באק-פולווער „באקין"—Backin וואניליע-צוקער—Cukier waniljowy
ציטרין-אייל—Olejek cytrynowy מאנדעל-אייל—Olejek migdałowy
גאלארעטקעס—Galaretka וועלכע ווערען אהערגעשטעלט ספעציעל כשר לפסח
אלץ מיט'ן הכשר פון הרב הגאון סעגאלאוויטש' דאנציג.
צו בעקומען אין אלע קאלאניאל-געשעפטען.

איינמאליגע זאמלונג פאר „מחזיקי הדת".

עס איז אונז שוין אויסגעקומען איינציגע מאל צו שרייבען וועגען דעם גרויסען געלד-מאנגעל אין וועלכען עס געפונט זיך די היגע תלמוד תורה „מחזיקי הדת".

עס וואלט איבריג געווען צו זאגען דער היגער יודישער בעפעלקערונג וואס עס איז דער דאזיגער לעהר-אנשטאלט וועלכער עקזיסטירט ביי אונז שוין עטליכע צעהנדליגע יאהר און עס לערנען דארט ביז 400 ארימע קינדער פון וועלכע א טייל זענען יתומים און זיי בעקומען א רעליגיעזע ערציהונג.

די דאזיגע אינסטיטוציע קוועהלט זיך לעצטענס אויסערגעוועהנליך אין איהרע מאטעריעלע הצטרכות'ן, ווייל עס האבען כמעט אינגאנצען אויפגעהערט די סובסידיעס, וואס זי פלעגט בעקומען פון פערשידענע פאנדען, איבערהויפט פון אמעריקא און יעצט צוליעב דעם שרעקליכען קריזיס איז זייער עקזיסטענץ בעדראהט.

די פערזאמלונג האט דעריבער בעשלאסען אדורכצופיהרען א איינמאליגע זאמלונג פאר דער דאזיגער אינסטיטוציע צווישען דער היגער יודישער געזעלשאפט און ס'איז צו האפען, אז קיינער וועט זיך נישט אויסשליסען פון געבען זיין נדבה, כדי דערמיט צוהעלפען אז דער דאזיגער רעליגיעזער לעהר-אנשטאלט אין אונזער שטאדט זאל עקזיסטירען.

די געזעלשאפט „אחיעזר" אין טשענסטאכאוו.

די געגענזייטיגע הילפס-געזעלשאפט „אחיעזר" וועלכע עגזיסטירט ביי אונז אין שטאדט שוין צוויי יאהר פיהרט אנ'אינטענסיווע טעטיגקייט אויף איהר געביעט און ענטוויקעלט זיך וואס אמאל מעהר, די צאהל פון איהרע מיטגלידער פערגרעסערט זיך און ממילא פערגרעסערט זיך איהר מיטגלידס-פאנד.

איהרע אויפגאבען זענען בעקאנט וועלכע האבען דעם צוועק צו אונטערשטיצען די פאמיליע פון איהרע מיטגלידער, אויב איינער שטארבט דורכ'ן געבען דער פאמיליע א בעדייטענדע סומע.

אזאלכע געזעלשאפטען עקזיסטירען אין די גרעסערע שטעדט און האבען איבעראל דעם גרעסטען ערפאלג.

יוגענדליכע אנטיסעמיטען.

מיטוואך אווענד האבען זיך אין די גאסען ארומגעדרעהט א באנדע יוגענדליכע כוליגאנעס וועלכע האבען מיט פענדזלעס אין די הענד אויפגעשריבען אויף די ווענד פערשידענע אנטי-יודישע לאזונגען: קויפט נישט ביי קיין יודען! באיקאטירט די זשידעס! א. א. וו.

עטליכע אדורכגעהענדע יודישע יונגעלייט וועלכע האבען די אויפשריפטען געוואלט אויסמעקען זענען דורך די כוליגאנעס צושלאגען געווארען, אויף זייערע געשרייען זענען באלד אנגעקומען איניגע פאליציאנטען וועלכע האבען די כוליגאנעס אבגעפיהרט אין פאליציי קאמיסאריאט.

עס איז ווערט צו בעמערקען, אז איין כוליגאן האט זיך בעהאלטען אין געבעקס געוועלב פון „פאדהאלאנקא" אייגענטימער ראשינסקי אלעע 24, וועמען זיי האבען אויסבעהאלטען פאר דער אנקומענדער פאליציי.

דער שטרייק געגען דער עלעקטראווניע.

דער שטרייק געגען דער היגער עלעקטראווניע ווערט ווייטער געפיהרט מיט דער גרעסטער שטרענגקייט, אין קיין שום וואוינונג ווערט נישט בענוצט קיין עלעקטריש ליכט, אויסער די לאקאלען וואס האבען דערצו די ערלויבניש פון קאנסומענטען-פעראיין.

זונטאג איז אין אונזער שטאדט פארגעקומען א קאנפערענץ אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט דעלעגאטען פון די שטרייקענדע שטעדט: קיעלץ, פיעטרקאוו, ראדאמסק און טאמאשאוו, עס זענען געהאלטען געווארען שארפע רעדעס געגען דער עלעקטראווניע, און אויפגעפאדערט די בעפעלקערונג ווייטער צו האלטען דעם שטרייק ביז צום ענדגילטיגען נצחון.

די טרויעריגע לאגע פון די יודישע שוסטער.

מיטוואך אווענד איז אין לאקאל פון האנדווערקער פערבאנד פארגעקומען א פרעסע קאנפערענץ, וואו די פארשטעהער פון לעדער-צעך האבען אבגעגעבען א בעריכט וועגען דעם טרויריגען מצב פון די יודישע שוסטער, וועלכע ליידען ממש הונגער נויט, און דער עיקר וואס די יודישע געזעלשאפט שטיצט נישט זיי נאר פרעמדע.

דער אבגעגעבענער בעריכט איז געווען א הארצרייסענדער געשריי פון די שיסטער, וועלכע ווערען פערשוואונדען פון האריזאנט און א גאנץ פאך, וואס בעשטעהט פון עטליכע הונדערט פערזאן אין אונזער שטאדט געהט ממש אויס פאר א שטיקעל ברויט.

זייער געשריי איז: מיר בעטען ארבייט! מיר ווילען נישט קיין נדבות!

עס וועט נאך אויסקומען וועגען דעם צו שרייבען.

איצט ווילען מיר בלויז אפעלירען צו דער יודישער געזעלשאפט, אז זיי זאלען אונטערשטיצען אונזערע ברידער שיסטער מיט ארבייט, אז זיי זאלען נישט שטארבען פאר הונגער.

קומט בעוואונדערען דעם „ווילנער" אנסאמבל.

א גרויסען יישר כח קומט אונזער ווילנער אנסאמבל, די ארטיסטען כאש, נחמה, קדיש מיט זייער טרופע פאר די עטליכע פארשטעלונגען, וואס זיי גיבען אונז.

זיצענדיג אין טעאטער און זעהענדיג דאס פיינע צוזאמענשפילען בעקומט מען פשוט עליית נשמה, עס איז עפיס אזעלכעס, וואס מען קען עס נישט אויסדריקען מיט ווערטער, מען מוז זעהען שפילען, מען מוז עס פיהלען.

נחמה, כאש, קדיש, גראדנער, און אפילו די איבריגע ראליסטען, נעמען מיר די נישט לאנג געוועזענע כאריסטקע סאנקע זאמין, איז אין איהר ראלע א קראפט, אנ'ארטיסטין מיט'ן פולען מויל.

שוין צוויי יאהר האבען מיר זיי נישט געזעהן, נאר דורך דער צייט האבען זיי בעקומען מעהר קראפט, מעהר רוטין. נחמה האט אין איהרע הויפט ראלען געשאפען אזעלכע קרעאציעס וואס האט אונז בעצויבערט און מיר האבען נישט געוואלט גלויבען אז דאס איז די זעלבע. אונזער ליבלינג כאש, ווייטער דער זעלבער טעמפעראמענטפולער, ערנסטער, הארציגער, הערליכער זינגער און גלייכצייטיג הומארפולער ארטיסט, קדיש, דער שענער באריטאן זינגער און רעזשיסער, עס איז אויך ווערט צו בעמערקען די ארטיסטען פרוי ליבגאלד, מעסינגער און ראבין.

אלעס צוזאמען איז א הערליכער קאנצערט צוזאמענשפיל.

די ערשטע צוויי פארשטעלונגען זענען אדורך מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

היינט פרייטאג 9 אווענד ווערט געגעבען צום צווייטען מאל די שטארק אויסגענומענע אפערעטע, די אמעריקאנער חתונה, שבת בייטאג דער שלאגער „די אייביגע מאמע", שבת אווענד א פרעמיערע ד"ר שטיגליץ, וואו עס וועלען זיך בעטייליגען אויסער די אויבענדערמאנטע ארטיסטען, אויך די ליבלינג פון טשענסטאכאווער פובליקום מאלווינא ראפעל, ש. לאנדוי, נערה, ראקאוו א. אנד.

מיט איין ווארט, א זעלטענע געלעגענהייט, און אלע ליבהאבער פון בעסערען יודישען טעאטער, אלע אנהענגער פון דער זעהר בעליבטער און סימפאטישער טרופע דארפען אויסנוצען די געלעגענהייט און בעוואונדערען דעם ווילנער אנסאמבל.

„דער לעבעדיגער מת":

(עטליכע בעמערקונגען צום לעצטען אויפטריט פון דראמאטישען קרייז).

צום בעדויער טראץ מיין ווארימער בעציהונג צום דראמאטישען קרייז, מוז איך דאס מאל מאכען עטליכע קריטישע בעמערקונגען בנוגע זיין סצענישער טעטיגקייט

ס'איז באמת פערדריסליך, אז די אנפיהרער פון קרייז, נישט קוקענדיג אויף די לעצטע נעגאטיווע רעזולטאטען צוליעב דער נישט-פארזיכטיגקייט ביים אויסוואהל פונ'ם רעפערטואר, פערמעסטען זיך ווייטער אויף זאכען קאמפליצירטע און דורכאויס נישט-פאסיגע פאר'ן קרייז ביים איצטיגען כחות-צוזאמענשטעל.

ס'איז אמת, אז ס'זענען פערהאן זעהר גרויסע שוועריגקייטען ביים מאטעריאל-אויסוואהל, אבער דאס דאזיגע פערענטפערט דאך נישט דעם ענין, אזוי ווי ס'איז נישט קיין תירוץ פאר א טאלאנטלאזען מחבר, וואס זיין ווערק איז שוואך אויסגעפאלען מחמת חסרון-כשרונות...

יעדער וואלט דאך געוואלט זיין א קארוזא, א האמסון, א יאנינגס אדער על-כל-פנים א בארטאוו, נור פערפאלען, פערכלינעט צו ווערען פון זעלבסט-צופרידענקייט איז נאך געפעהרליכער פון אולטרא אויטא-קריטיציזם.

אמאטארען מיט בעשיידענע פעהיגקייטען און ווילען דערצו „ציהען" פובליקום מוזען געדענקען ביים רעפערטואר-אויסוואהל אינ'ם כלל: מינימום קאמפליקאציע און מאקסימום עפעקט. אויפצופיהרען דראמען, וואס זייער שווער-פונקט איז: אינערליכע ראנגלענישען, נשמה-איבערברוכען און נישט אויסערליכער עפעקטאציע איז אונבעדינגט א ריזיקאלישער שריט.

צו שפילען טאלסטאי'ען איז [נאך] ווייניג אויסצולערנען [...] די ווערטער [או]ן צו טרינקען משקה, מען דארף שפילען און נאכאמאל שפילען. מ'מוז כאטש אין א געוויסער מאס ברענגען צום אויסדרוק דאס רחבות, גוטהארציגקייט, אומעט און חרטה-געפיהלען פון דער רוסישער נשמה, פון דעם רוסישען אונבעגרעניצטען גייסט, וואס ווערט אזוי גלענצענד געשילדערט ביי טאלסטאי'ען, דאסטאיעווסקי'ן און גארקי'ן.

דאס איז דער אלגעמיינער איינדרוק. איך מוז אבער צוגעבען, אז מאנכע בילדער זענען אויסגעפאלען געלונגען, ווי: די סצענע ווען ליזא (פ. טעלאקאוויטש) ווערט געוואויר וועגען טויט פון איהר מאן. די סצענע האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף די צושויער. גוט זענען אויך געווען: ה' ווייס אין זיינע ביידע ראלען אלס איוואן פעטראוויטש און ארטעניעוו, ה' אלטמאן אלס געריכטס-פארשער, [און] אויך פרוי ראזינער אלס מוטער (אננא פאוולאוונא).

(אגב וואלט איך געוואלט בעמערקען, אז די סצענעס וואס „שמעקען" עטוואס מיט ראמאנטיק, ווערען געברענגט צום אויסדרוק ביים קרייז דורך שעפטשען, אז זיצענדיג אפילו אין די ערשטע רייהען הערט מען נישט אפילו זייערע פערליבטע געשפרעכען (מעגליך צוליעב בעשיידענקייט?...)

כ'לעבען א מאדנע אויפפאסונג. ווי זאגט קיפלינג, אז אויב א מחבר וועט נישט בעריהרען אין זיין ווערק קיין ראמאנטישע פאסירונגען וועט ער קיין דריי עקזעמפלארען נישט פערקויפען. און ביים קרייז איז פערקעהרט, מ'וויל אונז דערמיט נישט מהנה זיין, א פנים [ווי]לען נישט גורם זיין מחשבות רעות. בקצור: אמאנטען שוואכע...)

וואס איז נוגע דער דעביוטאנטין פרל. רייכנבאך: בעזיצט זי טעמפעראמענט, האלט זיך פריי אויף דער סצענע, נור שפילט אבער לעת-עתה נישט איבערצייגענד, און רעדט צו שנעל, אז ס'איז שווער צו פערשטעהן. (אגב: מ'קען בעזיצען טעמפעראמענט אבער נאך וואס טויג דאס ווארפען זיך פון איין קניה אויף דער צווייטער אונאויפהער. מעגליך, אז דאס האט אזוי צומישט אונזער הויפט-העלד, וואס דארף זיין א „דרייסטער פאצעט", אז ער האט זיין ציגיינערין געהאלטען פונדערווייטענס, מורא האבענדיג איהר אפילו א קוש צו טהון...)

כ'בעטאן נאכאמאל: ס'איז זעהר און זעהר נישט אנגענעהם צו טאדלען וועלכע ס'זענען קולטורעלע בעמיהונגען, וואס ווערען געמאכט ביי אונז אין שטאדט, וואס צייכענט זיך אויס מיט דורכשניטליכקייט, אפאטיע און גענעצעריי, נור וואס קען מען טהון, מען טאר בשום אופן נישט פערלירען די קאנטראל איבער זיך. מ'דארף דאך נישט יעדע צוויי וואכען צו פערפעסטיגען דאס אונשטערבליכקייט און דאס אויספיהרען דראמען און רעוויעס בנשימה אחת – איז אויך נישט קיין דעוויז...

נאן מולטא סעד מולטום!

פ. ב—ק.

אויף יום=טוב דארף מען באקען

ווייל דער אויסגעצייכענטער גוט-געלונגענער, געשמאַקער טאָרט אדער פלעצלעך, פערשטארקט די יום-טובדיגע שטימונג

ד״ר עטקערס פראשעק „באַקין״

בעזיצט א זיכערע מיליאָנען מאָל אויספּרובירטע, טרייב-קראַפט. מיט זיין הילף און לויט די בעליבּטע פאָרשריפטען פון ד״ר עטקער געלונגט דאס געבעקס אויסגעצייכענט.

אליין באַקען־הייסט שפּאָרען!

עס האט זיך שוין אָנגענומען דאס ביכעלע „...“, וואס ענטהאלט פיעל פאָרשריפטען אויף יום-טוב, ווי אויך פאר׳ן טעגליכען לעבען. עס נעמט ארום 60 זייטען טעקסט, 6 קאָלירטע בילדער און קאָסט 40 גראָשען. צו בעקומען אומעטום.

Dr. AUGUST OETKER, O'liwa.



Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.

Przedstawiciel na Okręg Częstochowski

I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15.

Zakład Elektrotechniczno-Inst.

„ŚWIATŁO-SIŁA“

sp. z ogr. odp.
w CZĘSTOCHOWIE
NOWY RYNEK 5. TEL. 606

איגענטימער:
געבר. טענענבערג און מ. עהרליך

מאכט בעקאנט דער ברייטער געזעלשאפט, אז אונזער פירמע איז איצט פערגרעסערט געוואָרען און נעמט אָן אלערליי

עלעקטרישע ארבייטען

ווי: בעלייכטונג, מאָטאָרען, אַפּאַראַטען, ווי אויך אלערליי פּאָפּראַווקעס.

די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט רעיעל, שנעל, אונטער דער לייטונג פון קאָנצ. פאכלייט.

אויסצאָהלונגען ביז א יאָהר אלערליי ארבייטען.

צו דער אויפמערקזאמקייט פון דער יודישער בעפעלקערונג!

די פערוואלטונג פון דער קהלה איז מודיע, אז אין הסכם מיט׳ן ראַבינאַט וועט דער מצות-אויסבאַק אדורכגעפיהרט ווערען אופ׳ן קומענדען פסח אויסשליסליך דורך דער קהלה, **כדי בעדייטענד צו פערביליגערען דעם פרייז פון מצות.**

דער פרייז פון מצות וועט דורך דער קהלה קאלקולירט ווערען אזוי ביליג, אז ס׳וועט נישט כדאי זיין צו ברענגען מצות פון דער פרעמד.

אנ׳אויספיהרליכער קאמוניקאט וועגען דעם ענין וועט אין די נאהנטסטע טעג פערעפענטליכט ווערען.

די פערוואלטונג.

פון „תרבות“ - סניף.

זונטאג, דעם 27 ד. ח. 6 א זייגער אוונד קומט פאר אין לאָקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א פאַרזאַמלונג פון פאָרשטעהער פון אלע ציוניסטישע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער בעפאָרשטעהענדער „סלע“-אַקציע אין אונזער שטאדט.

די פארשטעהער פון די ארגאניזאַציעס ווערען געבעטען צו קומען פונקטליך.

אין דער הויז-ווירטשאפט נאכמעהר אָפּשפּארען איז נישט קיין לייכטע אויפגאַבע און דאך זענען פערהאַן וועגען, וואס פיהרען צום ציעל. מען דארף אויסקלויבּען פון זיי די, וועלכע לאָזען זיך נישט שטארק פיהלען ביים אָבּשפּארען. מיר שפּארען זעהר פיעל שוין צוליעב דעם, וואס מיר באקען אליין אויסגעצייכענטע יום-טוב׳דיגע קיכלעך הויבענדיג די יום-טוב׳דיגע שטימונג. האפענטליך וועט איהר זיך געפונען צווישען די מיליאָנען ווירטינס, וואס האבען געהאַט גרויס נוצען דערפון, וואס זיי האבען זיך אליין געבאקען פלאַצקעס, טאָרטען און קיכלעך, נוצענדיג דר. עטקערס באַק-פראשעק, לאָמיר פּרובּירען.

פון „הרצליה“.

שבת י״א אדר איז איינגעאָרדענט געוואָרען דורך דער „הרצליה“ אין לאָקאל פון דער ציונ. אָרג. א פייערליכע טרויער-אקאדעמיע אין צוזאמענהאנג מיט דער 12-יעהריגער יאָהרצייט פון יוסף טרומפעלדאָר ז״ל. פון דער מזרח וואַנד קוקט אראָב טרומפעלדאָר׳ס בילד בעצירט מיט שווארצע קרעפּע, איינגעהילט אין בלומען פון וועלכע עס לייכטען פלעמעלעך ליכט, דערנעבען א עהרען-וואַך מיט דעם פאָהן פון דער ציונ. אָרג. דער זאַל איז איבערפולט פון איבער 100 מאַן פון שכבות, „צופים“ און „קשישים“, ווי אויך געסט.

א פייערליכע שטילקייט. עס פאלען קורצע ווערטער פון ראַפּאָרט, וועלכען די ראשי קבוצות גיבען אָב דעם ראש הקן, דאן קימט פאָר א רעפעראט וועגען טרומפעלדאָר׳ן. ח׳ קארטוז גיט א איבערבליק איבער דאס גאנצע לעבען פון דעם גרויסען גבור און זיינע העלדישע טהאטען אין תל-חי, רעדט וועגען די בעדייטונג פון טרומפעלדאָר׳ן פאר׳ן יודישען פאלק און פאר דער אידעע פון נאציאָנאלען רענעסאנס.

די פערזאמלטע שטעהען אויף פון זייערע ערטער. א פייערליכע איין-מינוטיגע שטילקייט פול מיט טיעפען אויסדרוקליכען כבוד פאר דעם וואס איז געפאלען „בעד עמנו ובעד ארצנו“, און דערנאָך פליסט א שטיל און דערהאבען ליעד: „בגליל תל-חי“. אח הלל פרידריך (קבוצה „נשר“) האט שעהן רעציטירט א ליעד פון זשאבאָטינסקי „שיר תל-חי“. אח אודערבערג לעזט פאָר פערשידענע געדאנקען, געשריבען פון טרומפעלדאָר׳ן זעלבסט.

א שטארקער „הכן“ גלייכען זיך אויס די געשטאלטען פון די הערצליאנער. עס פויגט זיך דער פאָהן און פון די יוגענדליכע הערצער פליסט א שטאַרקער „תחזקנו“ און די ריהרענדע „התקוה“. די יוגענד צוגעהט זיך. פון וואָס דענקט זי דאמאָלס? — פון טרומפעלדאָר׳ן און זיינע ווערטער: „לכו בעקבותי“.

מיטוואָך דעם 23 ד. ח. איז דורך דער „הרצליה“ איינגעאָרדענט געוואָרען א „פורים-נשף“, און אנ׳אויפטריט פון איינענע קרעפטען. צוליב מאנגעל אין פלאַץ גיבען מיר די רעצענזיע אין נעכסטען נומער.

באָקס-מייסטערשאפטען.

מאָנטאג דעם 28 ד. ח. 8 אָוונד קומען פאָר אין לאָקאל פון יוד. טורן און ספאָרט פעראיין באָקס-קאמפען וועגען טיטעל: מייסטער פון יודישען טורן און טפאָרט פעראיין.

א בריעף אין רעדאקציע.

אין צוזאמענהאנג מיט דער ערקלערונג, וועלכע איז פערעפענטליכט געוואָרען אין אייער חשובער צייטונג נר. 12, דורך דער פערוו. פון יוד. אקאדעמישען קרייז, בעטען מיר געפעליגס צו געבען פלאַץ אין אייער וו. צייטונג פאר פאָלגענדער ערקלערונג:

די בעהויפטונג, אז דער אקאדעמיקער-קרייז האט נישט קיין שום שייכות מיט אונז, ווי אויך מיט׳ן איינגעאָרדענטען דורך אונז באל שטימט נישט מיט׳ן אמת, ווייל:

1) מיר עגזיסטירען אלס א ציוניסטישע פראקציע ביים אקאדעמיקער-קרייז, וואס די פערוואלטונג האט גענומען צו קענטניס אויף איינער פון איהרע זיצונגען.

2) בנוגע דעם באל האבען זיך בעטייליגט אין זיין איינאָרדנען פיעל מיטגלידער פון אויבענדערמאנטען קרייז, וועלכע געהערען נישט צו אונזער פערבאנד. 3) א טייל פון אונזער הכנסה האט געזאָלט בעקומען דער אקאדעמיקער-קרייז.

דער ארויסטריט פון דער פערוואלטינג פון אקאדעמיקער-קרייז, ווי אויך דאס אָנרופען אונזער פערבאנד „א געוויסע גרופּע אקאַדעמיקער“, האלטען מיר איבּריגענס פאר א נישט געלונגענעם ווילען אונז צו איגנאָרירען (טראָץ דעם וואס מיר בילדען אין קרייז א בעדייטענדע גרגפּע) און אָבצושוואַכען אונזער השפעה.

נישט ווייניגער אבער נעמען מיר צו קענטניש די דאזיגע ערקלערונג, ווען אלס פועל-יוצא דערפון פיהלען מיר זיך בעפרייט פון דער פערפליכטונג לגבי דעם קרייז.

פון דער פערוואלטונגס-ארויסטריט וועלען מיר ציהען די געהעריגע קאנ-

סעקווענצען.

דאנקענדיג פאראויס, חשוב׳ער הער רעדאקטאר, צייכנען מיר מיט דרך-ארץ פאר דער ציוניסטישער אקאדעמישער יוגענד

פרעזעס: ז. ראזענצווייג
סעקרעטאר: י. קאזשושניק.

פון דער „לירא“.

היינט פרייטאג האלב 9 אוועבד ארדענט איין די געזעלשאפט „לירא“ דעם לעצטען דאנסינג פון סעזאָן.

א באַל אין דער „ווארטא“.

זונטאג, דעם 27 מערץ אין אייגענעם לאָקאל פון ספּאָרט - קלוב „ווארטא“ קומט פאר א טאנץ-אָוונד, פערבינדען מיט א גאנצע רייהע סיורפריזען און אטראקציעס. איינגאַנג 2 זל.

נדבות אין רעדאקציע.

אנשטאט משלוח מנות פאר׳ן רב מו״מ ר׳ נחום אַש שליט״א 10 זל. פאר דעם רעטונגס-קאָמיטעט.

ישכר שענפעלד.

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט האָב איך דעם כבוד מודיע צו זיין דער ג׳ קונדשאפט, אז איך האָב געעפענט אין דער **ערשטער אלעע 6**

א וואורשטען=געשעפט

איינגעאָרדענט לויט׳ן לעצטען וואָרט פון דער טעכניק און היגיענע.

אייגענע ערשטקלאסיגע אויסארבייטונג פון וואורשטען און פערשיעדענע גערויכערטע פליישען.

בעזוכט איר איינמאל מיין געשעפט, בלייבט איהר שטענדיג מיין קונה!

מיט אכטונג **דוד גאָלדבערג**

ערשטע אלעע 6.

שפּאָגאַט ביליג!!!

איהר דארפט שוין מעהר נישט קויפען קיין מאַנילע (סוסאָל) שפּאגאט, ווייל ריכטיגע קאַנאָפּיע שפּאגאט איז בעדייטענד ביליגער געוואָרען, און גלייכט זיך אויס מיט׳ן פרייז װאָס עס קאָסט מאנילע. — אלע וואָרטען שפּאגאט, פשענדזע, פודים, בעקומט איהר צו די ביליגסטע פרייזען ביי: **יעקב ברוין, ערשטע אלעע 1, אין הויף.**

„Grand-Kino“
קאָשטשושקי גאס.
לעצטער סעאנס 9.40 אָוו.

זונטאג די פרעמיערע פון גרויסען פוילישען פילם!

BEZIMIENNI BOHATEROWIE

אין די הויפט-ראָלען:
מאַריאַ באָגדאַ, אדאם בראָדזיש, עאוגעניוש באָדאָ, זולאַ פּאָגאָזשעלסקאַ, יאראַטש,
און א גאנצע רייהע אנדערע בעסטע פוילישע ארטיסטען.

Teatr „ODEON“
אלעע 27.
לעצטער סעאנס 10 אָוענד.
אויפ׳ן 1 סעאנס קרעסלאָ 1 זל.

פון זונטאג ד. 27 מערץ דער בעסטער, מעכטיגסטער פוילישער פילם אויפ׳ן יאהר 1932

LEGJON ULICY

דראַמא פון ווארשאווער גאסען-לעבען אין 12 אַקטען.
הויפּט-ראָלען: מירסקאַ, קאַרסקאַ, סאיובנאַ, קאָבוש, ראָגוזלסקי.
פאר יוגענד ערלויבט. אויפ׳ן ערשטען סעאנס 70 גר., שפעטער 1 זל.

ערשטער מוסטערהאפטער קלאַנג=קינאָ
Nowości
אלעע 12
לעצטער סעאנס 9.30 אָוענד.
היינט און ווייטערע טעג.

פון זונטאג, ד. 27 מערץ

ביילער יום=טוב=פּראָגראַם.

Redaktor: Izrael Płockier · Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier · Druk. B. Bocian, Aleja 6